UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

Title
Khesbn no. 52-53 - October - December 1968 - Journal

Permalink
https://escholarship.org/uc/item/7w74j0r3

Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 52-53(1)

Author
Admin, LAYCC

Publication Date
1968

Copyright Information
Copyright 1968 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org
Powered by the California Digital Library
University of California




פערטליאָר שריפט פאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפטלעכע ענינים

**צום סיום פון 42-טן זמן**
**פון דעם לאָס אַנגעלעסער**
**יידישן קולטור-קלוב**

# 52-53

אַרויסגעגעבן פון:

לאָס אַנגעלעסער יידישן קולטור-קלוב און שרייבער-קרייז

האַרבסט נומער • תשרי-כסלו — אָקטאָבער-דעצעמבער, 1968

## אינהאַלט


א. גאָלאָמב: הייליקע יידישקייט — 3
ב. דעמבלין: צוויי באַזונדערע וועלטן (דערציילונג) — 7
יהושע ריווין: אין רעטראָספּעט (ליד — פון רוסיש: ז. בונין) — 13
ה. לאַנג: פונקען פון ווייטע פייערן — 14
י. אַדלער: פאַר דער זון . . . (ליד) — 17
שלמה סיימאָן: מחשבות אַרום ז. בונינס ליד „על חטא" — 18
ז. בונין: די טרער (ליד) — 21
יעקב שמואל טויבעס: חסידיזם, גלותיזם, משיחיזם — 22
פּינטשע בערמאַן: צוויי לידער — 25
יאַנקל פרידמאַן: די הכשרה — 26
אריה פּאָזי: די שליחות פון קונסט — 31


### שרייבער און ביכער


שמואל ווייס: העריי לאַנג — צו זיין 80סטן געבוירנטאָג — 38
יעקב שמואל טויבעס: בנימין דעמבלין — 42
אברהם לעוו: עס גייט אַרום דער מלך נאַקעט (ליד) — 45
זלמן זילבערצווייג: וואָלף מערקורס דריט בוך — 46
אליהו רייזמאַן: דער שאָטן פון מיין זיידן (ליד) — 48
לילי בערגער: דוד ספּאַרד — 49
אסתר שומיאַטשער־הירשביין: פּרץ — ליפּעס זון — 53
עמוס הירשביין: מיין פאָטער פּרץ ז"ל — 54
לייזער מעלצער: אַ בוך וועגן דער געשיכטע פון יידן אין קאַליפאָרניע — 56
דאָראַ פיינס־רייזל: מיין פענצטער (דערציילונג) — 58
מרים מעלצער: אומרואיקע נאַכט (ליד) — 59
ישראל גובקין: נעילה אין בריד סטריט שול — 59
ז. בונין: נייע ביכער — 60
בויערס פון „חשבון" — 63


### צום שלוס פון 42־סטן זמן פון ל. א. יידישן קולטור קלוב


חיים אָסטראָווסקי: צו דער דערעפענונג פון 42טן זמן פון ל. א. יידישן קולטור־קלוב 66
מאיר לעדעררמאַן: רשימות פון ליטעראַריש־מוזיקאַלישע אָוונטן פאַר דעם 42טן זמן 68
באַגריסונגען • זאַמלונגען; ביישטייערונגען — 74-70



**HESHBON**

*QUARTERLY LITERARY REVIEW*

A. POSY, *Editor*

S. BUNYAN, *Secretary*

7327 El Manor Ave. • Los Angeles, Calif. 90045 • Tel. 776-1956

**Subscripton price: $5.00 per year**

PRINTED BY
SCHWARTZ PRINTING CO.
100



# חשבון

פערטל־יאָר שריפט פאַר ליטעראַטור, קריטיק און קולטור־פּראָבלעמען

אַריה פּאָזי, רעדאַקטאָר

יוסף ווײַנמאַן און שמואל בריינין, פאַרוואַלטערס • ז. בונין, סעקרעטאַר

23טער יאָרגאַנג, נומ. 52-53 • אָקטאָבער־דעצעמבער, 1968 • לאָס אַנגעלעס, קאַליפ.


א. גאָלאָמב

# הייליקע יידישקייט

(אַ קאַפּיטל פון אַ גרעסערער אַרבעט)

די יידישע רעליגיע איז אַנדערש פון די אַנדערע רעליגיעס ביי די פעלקער, וואָס צווישן זיי לעבן מיר. די יידישע רעליגיע איז ניט קיין גאָט־רעליגיע, נאָר אַ פאָלקס־רעליגיע, ניט קיין אוניווערסאַלע, נאָר אַ פאָלקיש־נאַציאָנאַלע. עס קענען זיין רעליגיעס נאַטירלעכע, וואָס זיינען געוואַקסן מיט די פעלקער צוזאַמען. און עס קענען זיין רעליגיעס אָנגענומענע, איבערגענומענע. דאָס פאָלק איז געוואַקסן און זיך אַנטוויקלט באַזונדער. עס האָט געהאַט זיין אייגענע רעליגיע — זיין געשיכטע און זיין רעליגיע. ערשט שפּעטער אין אַ צייט אַרום, ווען דאָס פאָלק איז שוין געווען „דערוואַקסן" און געקענט אויסקלייבן, האָט עס אָנגענומען אַ צווייטע רעליגיע, אַ פרעמדע, אַ רעליגיע וואָס איז געוואַקסן און זיך אַנטוויקלט אין גאָר אַן אַנדער פאָלק מיט גאָר אַנדערע אייגנשאַפטן און מיט אַן אַנדער געשיכטע. איז דער פּראָצעס פון איבערנעמען אַ רעליגיע גאָר ניט קיין איינמאָליקער, קיין דאַטע אַזאַ. עס איז אַ דויערנדיקער פּראָצעס — אָפּזאָגן זיך פון אָרגאַניש אַנטוויקלטע באַגריפן און פאָרשטעלונגען, איינגלייבן זיך אין גאָר פרעמדע באַגריפן, וואָס זיינען אויסגעוואַקסן אין אַנדערע קלימאַטן, ביי אַנדערע פעלקער מיט גאָר אַנדערע אייגנשאַפטן און געמיט. דאָס איז אַ לאַנגער פּראָצעס.

ווי אַזאַ איבערגעפלאַנצטע רעליגיע לעבט זיך איין, בירגערט זיך איין, ווי זי ווערט אַדאָפּטירט — דאָס איז אַ פּראָצעס פון דורות און... די רעליגיע ענדערט איר געשטאַלט און איר אינהאַלט, זי דאַרף זיך אַריינלעבן אין אַן אַנדער קולטור, אין אַן אַנדער שטייגער. ביימער ניט אין זייער קלימאַט אַנטוויקלען זיך דאָך אויך אַנדערש.

ווערן ביי אַ פאָלק מיט אַזאַ איבערגענומענער רעליגיע צוויי שטראָמען: זיין קולטור גייט זיך איר וועג און זיין רעליגיע האָט איר גאַנג. „וואָס פאַרן קייסער — דאָס איז פאַרן קייסער און וואָס צו גאָט — איז פאַר גאָט" — אָט דער זאַץ איז געזאָגט געוואָרן גאָר אין די ערשטע צייטן, ווען פעלקער האָבן גענומען צופּאַסן זיך פרעמדע רעליגיעס. און דער זאַץ מיינט אַ סך מער — דאָס רעליגיעזע איז זיך פאַר זיך, איר געביט און דאָס וועלטלעכע, וואָס ווערט סימבאָליזירט מיט דעם „קייסער", איז זיך ווידער באַזונדער. איז די אַלטע קולטור און שטייגער פון פאָלק נאַטירלעך שטאַרקער, אָרגאַנישער, דורותדיקער; די רעליגיעזע קולטור, די פרעמדע, די איבערגפלאַנצטע — זי קנעט זיך איבער, זי בייט זיך ביסלעכוויז איבער, זי פּאַסט זיך צו. אַזוי ווייט, אַז עס איז אָפט שווער צו דערקענען איר בראשיתדיקן אָפּשטאַם.

די קריסטלעכע רעליגיע פון די אייראָפּעאישע פעלקער שטאַמט אָפיציעל פון יידישן גליל — צי פון נצרת, צי פון כפר נחום, אָדער אפשר גאָר פון מדבר אַרום ים המלח. אָבער אין תוך אַריין האָט זי

זיך אויסגעטאָן פון איר ייִדישקייט, האָט זיך איינגעפּאַסט אין אָלימפּ, אָדער זי האָט דעם אָלימפּ פאַרדייט ווי פרעהס מאָגערע קי—די פעטע. און נאָך ווייטער פון אָלימפּ ביז די טעווטאָנישע וועלדער, ביז די סלאַווישע זומפּן איז דאָך ווידער אַ גרויסער פּאָלג מיך אַ גאַנג. דאָ זיינען פעלקער און רעליגיעס צוויי באַזונדערע קולטור־שטראָמען

ביי ייִדן איז עס איין שטראָם — פון אברהם אָבינו ביז משה רבינו, ביז עזרא, ביז די חז״ל, ביז דעם רמב״ם, רש״י, ר׳ יוסף קארו, ביזן ווילנער גאון און ר׳ שניאור זלמן — אַלץ איין שטראָם. אַ שטראָם איז קיין מאָל ניט אייגנשטאַלטיק, ער ענדערט זיך כסדר, בייט זיין אויסזען, זיין שטראָמיקייט, זיין לויף. ער איז „פושט צורה ולובש צורה,“ אָבער אַלע מאָל בלייבט ער איינער. אַנדערש איז אַ יונג ביימעלע ווען עס שפּראָצט אַרויס פון זאָמען, אַנדערש איז דער זעלביקער בוים ווען ער וואַקסט אויס, אָבער ער איז אַלע מאָל דער זעלביקער. אַ טייך נעמט אַריין בייטייכן, אָבער ער איז פאָרט דער זעלביקער. ייִדישקייט איז איין שטראָם — ייִדישע רעליגיע איז אָרגאַניש איינס מיט ייִדישער קולטור. זיי שטראָמען צוזאַמען אין איין געלעגער, זיי ענדערן זיך ביידע צוזאַמען. פראַנצויזישקייט, דייטשישקייט מיט קריסטלעכקייט זיינען באַזונדער. ייִדישע רעליגיע און ייִדישע קולטור זיינען צוזאַמען, איין שטראָם. אַלע פאַרלאַנגען צו צעטיילן צווישן זיי זיינען אַלע מאָל געווען מסוכן, און זיי זיינען אויך איצט מסוכן.

ייִדישקייט איז איינס וואָס איז צווייגעשטאַלטיק — איין ייִדישקייט און ניט קיין באַזונדערע — קולטור באַזונדער און רעליגיע באַזונדער. די ייִדישע רעליגיע איז דעם פאָלקס זיכרון, זיין געשיכטע וואָס איז פאַרהייליקט. דאָס וואָכעדיקע לעבן פון פאָלק וואַקסט אַריין אין געמיט פון פאָלק און עס ווערט פאַרהייליקט ווי רעליגיע. די גאַנצע ייִדישע רעליגיע שטאַמט אַרויס פון וואָכעדיקער ייִדישקייט, פון שטייגער. קולטור און רעליגיע — איין שטראָם וואָס טאָר גאָרניט אויפהערן צו שטראָמען.

## רעליגיעזע באַציאונג צו וועלטלעכער קולטור

דאָס ייִדישע פאָלק איז דאָס איינציקע פאָלק אויף דער וועלט וואָס האָט אויסגעהאַלטן אַזאַ לאַנגן און שווערן גלות. און דאָס ניט אַ דאַנק דער פאַרשריבענער רעליגיע, ניט אַ דאַנק דער תורה שבכתב, נאָר אַלע מאָל דורך דער ייִדישקייט שבעל פה — פאַרזיכיקע, אַנדערשדיקע, ספּעציפיש־ייִדישע פירונגען אין לעבן. ייִדיש לשון האָט מער אָפּגעטיילט, אויסגעטיילט און אויפגעהיט ייִדישקייט ווי העברעאיש לשון אין ספרים און אין דער הייליקער תורה. האָט אַ פּשוט פאָלקס־לידל מער אָפּגעצייכנט און מער איינגעפּלאַנצט ייִדישקייט ווי „אָז ישיר משה.“ און „אָז ישיר“ האָט געדינט ייִדישקייט נאָר אויף וויפיל מען האָט עס געמאַכט פאַר אַן עלעמענט אין לעבן, אין דאַווענען. האָט דער ייִדישער שבתדיקער קוגל איינגעהיט ייִדישקייט מער ווי דער „לחם הפנים“ אין בית המקדש. אַלץ דערפאַר ווייל עס איז בעל פה, אין פאָלקס־מויל און פירונג. האָט אַ ייִדישע חכמהלע, אַ וויץ, דער קאַפּיטל מאָטקע כאַבאַד און די מסכתא כעלם מער אויפגעטאָן פאַרן אויפהיטן דעם קיום פון פאָלק, ווי גאַנצע ביבליאָטעקן מיט גוטע הייליקע ספרים. האָט אַ לידל פון מ. וואַרשאַווסקי מער נאַציאָנאַלע פאַרדינסטן איידער די פילאָסאָפיע פון פילון און אפילו פון סעדיה גאון. דערפאַר ווייל „אויפן פריפּעטשאָק“ איז געווען בעל פה, לעבעדיק אין שטייגער פון פאָלק און ניט בלויז אין הייליקע ספרים, בכתב. האָט אַ שטיקל דרש פון ייִדישע סוחרים אין אַ קרעטשמע ביי אַ גלעזל לחיים מער פאַרדינט זיך איידער אַ גאַנצער ש״ס אין שאַפע.

איז דער גאַנצער זינען פון דער גרעסטער און וויכטיקסטער מצווה ביי ייִדן פון „תלמוד תורה“ געווען אין פאַרוואַנדלען תורה וואָס בכתב אין בעל פה. דאָס איז „קולטור־צירקולאַציע“ — פון לעבן אין ספרים אַריין און די ספרים צוריק אין אַקטועלן לעבן, אין בעל פה. (זע „אויף די וועגן פון קיום“ ז׳ 279; „אונדזער גאַנג צווישן פעלקער“ 201; „אייביקע וועגן



פון אייביקן פאָלק“ 75). די קולטור צירקולאַציע — דאָס איז דאָס לעבן פון ייִדישן פאָלק. ניט הערשן און באַהערשן, ניט באַצווינגען, ניט איינעמען, ווי דאָס איז די געשיכטע פון אַנדערע פעלקער, נאָר אָט־די קולטור־צירקולאַציע: פאַרוואַנדלען דעם וואָכעדיקן שטייגער אין קולטור, אין תורה, פאַרשרייבן די מונדלעכע קולטור, מאַכן פון בעל פה אַ בכתב און צוריק — דאָס בכתב מאַכן אַקטיוו אין בעל פה־לעבן פון פאָלק.

פון אייביק אָן איז דאָ געווען אַ גרויסע שוועריקייט, דער דראַנג נאָכצומאַכן, נאָכצוגיין אין פרעמדע דרכים. אין דעם ערשטן גלות, אין מצרים, איז אָט די נאָכמאַכונג געווען אוממעגלעך מחמת טעריטאָריעלער אָפּגעזונדערטקייט און מחמת דעם אומווילן פון די מצרים. דווקא נאָכן באַפרייען זיך פון מצרישן יאָך, שוין אין מדבר, האָט זיך דער דראַנג בולט אַרויסגעוויזן. נאָך מער שפּעטער, אין כנען־לאַנד, וואו ייִדן זיינען געווען די הערשער אין דעם אייגענעם לאַנד.

איין שמירה פאַר ייִדישקייט אַחוץ דעם דרויסנדיקן אָפּגרענעצן זיך פון ייִדן דורך אַנדערע פעלקער איז געווען און איז דאָ — דאָס איז די פאַרהייליקטע באַציאונג צו דער אַקטועלער, דער בעל־פה־ייִדישקייט פון דער געגעבענער תקופה. אַלע מאָל פריער און אויך איצט גילט עס אַ כלל: דאָס אויסטיילן רעליגיע באַזונדער וואָס מען דאַרף אָפּהיטן און דערמיט מתיר מאַכן דאָס אָפּוואַרפן גאָר די ייִדישקייט וואָס איז ניטאָ בכתב, וואָס איז בעל פה — דאָס איז אַסימילאַציע, אָפּטריניקייט, אונטער דעם מאַנטל פון רעליגיע. ווען איך קוק זיך צו צו דער התלהבות וואָס די קאָנסערוואַטיווע ייִדן טראָגן אַריין אין פאַרשפּרייטן שפּראַך־אַסימילאַציע אין שפּאַניש ריידנדיקער אַמעריקע, כלומרשט מיט דער כוונה צו שטאַרקן ייִדישע רעליגיע, זע איך פאַר זיך יענעם ייִדן וואָס לויפט זיך שמדן און אויפן וועג האַלט ער אין איין שרייען „שמע ישראל“!

און דער אַלגעמיינער אויספיר — די ייִדישקייט זאָל האָבן אַ קיום, דאַרף מען קודם כל איינפלאַנצן אַ רעליגיעזע הייליקייט באַציאונג צו די וועלטלעכע עלעמענטן פון ייִדישקייט, פון אַלץ וואָס עס איז ספּעציפיש ייִדיש. אויך די וועלטלעכע ייִדישקייט איז ניט ווייניקער הייליק ווי די עלטערע, גאָר אַלטע עלעמענטן. נאָך מער — די בעל פה־עלעמענטן — אין זיי איז דער כוח פון לעבן שטאַרקער ווי אין אַלע אוראַלטע עלעמענטן. ערשט דורך די יונגע, איצטיקע עלעמענטן קען מען אַריינגעמען די עלטערע אין דעם פּראָצעס פון קולטור־צירקולאַציע.

יעדער פאַרלאַנג, איטלעכער פּרואוו אָפּצוהאַלטן דעם שטראָם, יעדער ווילן צו מאַכן פון ייִדישקייט אַ שטענדיקן שטייענדיקן וואַסער, יעדער פאַרלאַנג אַזאַ איז בכלל אַ סכנה פאַרן קיום פון פאָלק. אַזוינע פּרואוון זיינען געווען אַ סך מאָל, און אַלע מאָל האָבן זיי געבראַכט אומקום און אונטערגאַנג.

## רעליגיע און וועלטלעכע קולטור

פונקט אַזוי איז שעדלעך דאָס פּרובירן צעטיילן ייִדישקייט אויך אויף צוויי באַזונדערע שטראָמען — רעליגיע באַזונדער און וועלטלעכע קולטור באַזונדער — דאָס איז ניט ווייניקער שעדלעך און מסוכן. די גאַנצע ייִדישע רעליגיע איז דאָך אַ פאָלקס־רעליגיע, זי איז פון פאָלק. גאָט אַליין „שטודירט“ דעם פאָלקישן גאַנג, די הלכה, זי איז אין די אינטערעסן, פאַר דעם וואויל און צוקונפט פון פאָלק. זי שטאַמט דורכויס פון פאָלקס וואָכעדיקייט און זי וואַקסט און שטראָמט — די ייִדישע רעליגיע — דורך דעם פאַרהייליקן דאָס וואָכעדיקע, דורך דעם „מוסיפין מן החול אל הקודש,“ אָדער ווי הרב קוק ז״ל זאָגט עס דורך „העלת החול אל הקודש.“ יעדער פאַרלאַנג צו פיקסירן און אָפּהאַלטן דעם שטראָם, צו צעטיילן — דאָס וואָכעדיקע פאַר זיך און דאָס פאַרהייליקטע באַזונדער — דאָס איז אַלע מאָל דער ניט־ייִדישער וועג וואָס פירט צו ניט־ייִדישקייט.

אַלע מאָל פאָרט זיך דער פונצענטרישער דראַנג אַוועקצוגיין פון ייִדישקייט מיט אָט דער פאַרהייליקונג פון דער פיקסירטער „תורה שבכתב“, וואָס דאַרף זיין ווי אַ מין קאָמפּענסאַציע פאַרן אַוועקגיין פון דער וואָכעדיקער, שטייגערישער ייִדישקייט, וואָס איז ניט פיקסירט, נאָר

„בעל פה". אַזוי ציט זיך פון די פאַרצייטיקע צדוקים אָן, וואָס האָבן מיט זייער געטרייקייט צו דער תורה שבכתב געוואָלט פאַרדעקן זייער אָפּטריניקייט פון דער שטייגערישער יידישקייט אין זייערע צייטן. און די תורה שבכתב איז אַלע מאָל אַ פּראָדוקט פון אַ תקופה וואָס איז געווען פריער, וואָס היינט איז זי שוין ניטאָ און דערפאַר קען קיין מאָל אַן אַמאָליקע יידישקייט ניט צובינדן מענטשן צו דער יידישקייט פון היינט. און אַזוי ביז אונדזערע היינטיקע אָנהענגער פון פאַרצייטיקער יידישקייט, ווען אפילו דער תנ"ך דאַרף דאָס פאַרדעקן די אָפּטריניקייט פון אַקטועלער יידישקייט פון דער געגעבענער תקופה.

אַזוי איז די רעליגיע געוואַקסן ביי אונדז אָרגאַניש צוזאַמען מיט דעם פאָלקס שטייגער און מיט זיין באַגריפן־וועלט. אַלע געשיכטלעכע פּאַסירונגען האָבן זיך אַריינגעלעבט אין דער רעליגיע. זי איז דעם פאָלקס זיכרון, זי פאַרהייליקט די פּראָצעסן פון פאָלקס געשיכטע; זיין וואָכעדיקע געשיכטע פאַרהייליקט די רעליגיע, זיינע וועלטלעכע פּייערונגען ווערן מינהגים פון רעליגיע, זכר ליציאת מצרים. גאָט איז אוניווערסאַל און אַ גאָט־רעליגיע קען זיין אוניווערסאַל. פאָלק איז ניט אוניווערסאַל און יידישקייט ווי אַ פאָלק־רעליגיע קען ניט זיין אוניווערסאַל. דערפאַר איז דער פאָלקישער שטייגער, זיין גאַנג, ה ל כ ה, אידענטיש מיט דער תורה פון גאָט—ישראל ואורייתא, און דאָס איז אידענטיש מיט דער „געבענטשטער הייליקייט" (קודשא בריך הוא). דאָס איז אונדזער „דריי־איינקייט"—„קודשא בריך הוא ואורייתא וישראל." דאַרף די רעליגיע וואַקסן מיט דער קולטור, מיט דעם שטייגער פון יעדער תקופה. דער שטייגער שאַפט אַלץ נייע און נייערע שיכטן קולטור און זיי ווערן כסדר פאַרהייליקט, ווי רעליגיע.

האָבן אונדזערע פרומע געזינדיקט ווייל זיי ווילן נאָר האַלטן פון די פאַרשריבענע עלעמענטן אין יידישקייט, זיי ווילן ניט פאַרהייליקן דאָס וואָכעדיקע. זינדיקן אַלע אונדזערע רעפאָרמער— זיי ווילן בכלל אָפּזונדערן רעליגיע באַזונדער— נאָר אין דעם פאַרקריסטלעכטן טעמפּל און דער שטייגער זאָל זיין פון דעם לאַנד־פאָלק. זינדיקן אונדזערע וועלטלעכע — זיי זאָגן זיך אָפּ פון אַלץ וואָס איז פאַרהייליקט און וואָלטן געוואָלט יוצא זיין מיט יידיש לשון אין די היימען. אַ נייע אויפלאַגע פון דער אַלטער משכילישער פאָרמול, עס זאָל זיין „אדם אומעטום און יידיש בביתך." קומט אויס אַז מיר האָבן היינט קיין כולל־דיקע יידישקייט, וואָס זאָל פאַרייניקן און פאַרהייליקן דאָס וועלטלעכע אין יידישקייט צוזאַמען מיט דעם רעליגיעזן.

אַזוי ווי דאָס קאָסמישע איז געטלעך אַזוי איז אויך דער גאַנג פון יידישקייט, איר שטראָם — געטלעך הייליק. דאָס איז די קדושה שבחולין. אַזוי וואָלט געדאַרפט גיין און זיך אַנטוויקלען יידישקייט מדור לדור. אין דעם באַשטייט די אַנדערשקייט פון יידישקייט לגבי אַלע אַנדערע רעליגיעס פון אונדזער אַרום. ביי זיי זיינען צוויי חשבונות — גאָט באַזונדער און פאָלק באַזונדער. ביי אונדז איז איין חשבון: דאָס פאָלקיש־געטלעכע און דאָס געטלעך־פאָלקישע.

אַן אוניווערסאַלע גאָט־רעליגיע איז אומאָפּהענגיק פון פאָלק און לאַנד. זי קען זיין פיקסירט אין דאָגמעס, קרעדאָס, וואָס טאָרן זיך ניט בייטן. איין מאָל פאַר אַלע מאָל. דאָס איז תורה בכתב, פאַרשריבן און געחתמעט. גאָט איז אייביק און זיין רעליגיע איז אייביק, ניט צו ענדערן. אַנדערש איז אָבער אַ פאָלק־רעליגיע. כל זמן דאָס פאָלק לעבט, ענדערט זיך אויך זיין שטייגער און זיין קולטור, ענדערן זיך די פאָלקישע נאָרמעס. דאָס איז בעל־פה. און דערפאַר איז ביי די חז"ל געווען אפילו אַן אומווילן צו פיקסירן די יידישקייט וואָס בעל פה. „דברים שבעל פה אי אתה רשאי לאמרם בכתב" (גטין ס' ב'). מען קען ניט פיקסירן אַ לעבעדיקע זאַך. אַ רעליגיע וואָס איז שוין ניטאָ אין לעבן קען זיין פאַרשריבן. אַ רעליגיע וואָס האַלט אין לעבן טאָר מען גאָר ניט וועלן פיקסירן.

דאָס יידישע פאָלק האָט איבערגעלעבט תקופות. איינע איז אַנדערש פון דער פריערדיקער. די פריערדיקע תקופה מיט איר קולטור איז שוין ניטאָ מער. דערפאַר דאַרף זי פאַרשריבן ווערן, דאַרף זי ווערן בכתב. דאָס וואָס עס איז ניטאָ מער בעל פה דאַרף איבערגעגעבן ווערן דער נייער תקופה בכתב. דאָס איז דער טיפערער, היסטאָרישער זינען פון קבלה און מסורה, איבערנעמען און איבערגעבן, וואָס איז פאַראַן אין דער ערשטער משנה פון „אָבות".

בעל פה מיינט — אין היינטיקן לעבן. בכתב מיינט, אין לעבן פון פריערדיקער תקופה. איר אינהאַלט איז שוין נויטיק צו פיקסירן און מען מוז זיך באַמיען דאָס פאַרשריבענע, די ירושה אַריינגעבן אין אַקטועלן לעבן, אין דעם בעל פה פון דער נייער תקופה. די ישובים, די גרופּעס, ריכטונגען, שבטים, וואָס האָבן ניט געהיט דעם כלל, זיינען אונטערגעגאַנגען און אַרויסגעפאַלן פון דער יידישער געשיכטע.



ב. דעמבלין / ניו־יאָרק

# צוויי באַזונדערע וועלטן

(דערציילונג)

אַ גרינער, נישט לאַנג פון פוילן, אָן היגע פריינד נאָך, פלעגט נתן חיים יעדן שבת אין האַלבן טאָג, גלייך נאָך דער אַרבעט, אַרויפקומען פאַרברענגען אַ ווייל אין הויפּט־אָפיס פון זיין יוניאָן. אַליין אַ וויכטיקער יוניאָן־טוער אין וואַרשע, איז ער געקומען זיך זען מיט די באַאַמטע, וואָס ביידע, דער פּרעזידענט ווי דער גענעראַל־סעקרעטאַר, האָבן געהאַט אַ האַנט אין דעם אַריבערברענגען אים קיין אַמעריקע. אין דער אמתן איז זיין אַרויפקומען אַהין געווען מער צוליב די מיידלעך אין אָפיס דאָרט, וואָס אַלע האָבן אים געגרן־געזען, דער עיקר איינע — ביטריס גרין, אַ שיין, דראָבנע מיידל פון אַ יאָר צוואַנציק, אַן איידעלע, אַ טונקל־הויטיקע, ווי אַן אַראַבקע, מיט גרויסע, שוואַרצע אויגן.

אַ קינד פון דער איסט־סאַיד, האָט די מיס גרין פאַראינטריגירט נתן חיימען, נישט אַזוי מיט איר שיינקייט, ווי מיט איר קענען רעדן מיט אים אַזוי שיין יידיש און נאָך מיט אַזאַ סאַמעט־ווייך קול. ערשט — איר בילדונג! נאָך איצט, אין די אָוונטן, נאָך דער אַרבעט גייט זי אויף די קורסן אין קאָלאָמביאַ־אוניווערסיטעט און גרייט זיך צו ווערן אַ קינדער־דאָקטאָרין אויף דער איסט־סייד, וואו זי וואוינט מיט אירע עלטערן, גראָסערי־לייט אויף סאָפאָלק סטריט.

ווי זי — אים, אַזוי האָט ער— איר אימפּאָנירט. אַ שיינער שטאַלטנער בחור אין די פריע־צוואַנציקער, מיט אַ קאָפּ צעכוואַליעטע האָר, וואָס צוויי פּראָנטלאָקן פון זיי פאַלן אים כסדר איבערן שטערן און, ווי זי הערט שמועסן אין אָפיס, וועט ער גאָר הויך שטייגן אין דער יוניאָן־באַוועגונג אין אַמעריקע.

יענעם שבת נאָך דער אַרבעט איז אָבער נתן חיים נישט געגאַנגען אין אָפיס נאָר אָפּגעוואַרט די מיס גריןביים אַריינגאַנג אין „טשיילדס"־רעסטאָראַן, וואָס אויף פערצנטע גאַס און יוניאָן־סקווער.

ס'איז געווען סוף מאַי, אַ זוניק־בלעבדיקער שבת אין האַלבן טאָג. אין פּאַרקל אויף יוניאָן־סקווער, איז עפּעס אַ מענטשלגעשטאַנען איבער אַן עולם און גערעדט, געמאַכט מיט די הענט און דאָס קרענצל אַרום אים האָט אַלעווייל אים אַפּלאָדירט, אויסגעבראָכן אין אַ געלעכטער. די וועגן אַרום סקווער האָבן גערוישט מיטן געפּאָר פון קאַרס און „טראָליס", מיט טראָקלעך געשפּאַנט צו פערד, און אויף די טראָטוארן — אַ געווימל פון מענטשן, און אַלע שטופּן זיך, קנוילן זיך אין די צעעפנטע טירן פון קראָמען, פון קאַפעטעריעס און רעסטאָראַנען, דער עיקר— אַריין אין די דעפּאַרטמענט סטאָרס פון אויערבאַכס און קליינס.

אַן אומגעדולדיקער איז נתן חיים געשטאַנען אויף דער טרעפּ פון „טשיילדס", גענישטערט מיט די אויגן אין די געווימלען, געוואָרפן אַלעווייל אַ בליק אַריבער די מענטשנס־קעפּ, אַהין צום אָפיס, אין דעם הויכן געביי אויפן ראָג זעכצנטע און יוניאָן־סקווער, נאָר די מיס גרין איז גאָר אויסגעוואַקסן לעבן אים אינגאַנצן אומבאַמערקט.

— ער וועט איר מוזן אַנטשולדיקן, האָבן אירע שוואַרצע אויגן אַזוי פאַרשולדיקט געשמייכלט. — זי איז פאַרהאַלטן געוואָרן אין אָפיס. האָט ער שוין געגעסן „לאָנטש"?

— וואָלט זי געגעסן אַליין, ווען זי ווייסט ער וואַרט אויף איר?

— אָ, ער איז אַזאַ פיינער דזשענטלמאַן, האָט זי אים געדריקט די האַנט און מיט אים זיך דורכגעדרייט די דרייטיר אַריין צו „טשיילדס".

אַ הויפטקעלנער האָט זיך פאַרנייגט פאַר זיי, צוגעפירט זיי צו אַ געגרייט טישל און אַ קעלנערין אין אַ גרינעם אוניפאָרם, אַוועקלייגנדיק צוויי שפייז־קאַרטן, האָט זיך געשטעלט וואַרטן אויף זייער באַשטעל.

די מיס גרין, לויפנדיק מיטן בליק איבער דער „מעניו", האָט אים אַ פרעג געטאָן:

— וואָס וועט ער עסן?

— וואָס זי וועט באַשטעלן.

די ביטריס האָט אַוועקגענומען דעם בליק פון דער שפייזקאַרט, פאַרחידושט אַ קוק געטאָן צו אים אַריבערן טישל:

— ער עסט אַלץ? אויך קראַבס? אויסטערס?

— חלילה! האָט נתן חיים זיך אָפגעשאָקלט, שרצים?

— וואָס מיינט שרצים?

— טאַקע דאָס, וואָס זי האָט דאָ אויסגערעכנט, די גליטשיקע ים־באַשעפענישלעך.

— נו, און בייקאָן נ'עגס עסט ער?

— וואָס? חזיר? חלילה!

זי האָט געשמייכלט, אים אַ פעטשל געטאָן אין האַנט, וואָס אויפן טישל:

— פונקט ווי איר פאָטער, אָבער אַ ספרינג־סאַלאַד?

— ווייכן קעז מיט גרינסן? דאָס יאָ.

אַז די קעלנערין איז אַוועק ברענגען דעם באַשטעל, האָט די מיס גרין, קוקנדיק אויף אים אַזוי שעלמיש־שמייכלדיק, אַרויפגעלייגט איר שמאָל, מיידלש־הענטל אויף זיין מענער־האַנט:

— פיינזילבער, איך האָב פאַר אייך אַ סורפרייז!

— פאַר מיר? האָט ער איבעראַשט געהויבן די אַקסלען — וואָס אַזוינס?

— מיין פאָטער גלייכט אייער סקיצע. ער וויל זיך באַקענען מיט אייך. וואָלט ער וועלן אַריבערקומען צו זיי אַהיים?

— וואָס? זי האָט געגעבן דעם פאָטער צו לייענען זיין דערציילונג? האָט נתן חיים אָנגעשטעלט אויף איר אַ פאָר שאַרפע, פרעגנדיקע אויגן.

— ער האָט דען דאָס נישט געוואָלט? האָט די ביטריס, מיטן ביסן אין מויל, דערשראָקן אים צוריקגעפרעגט.

נתן חיים האָט געשוויגן. אויך ער איז געבליבן מיטן ביסן אין מויל, נישט אים אויסצושפייען און נישט אים אַראָפצושלינגען. ווי וואויל אים האָט געשמייכלט צו הערן אַז זיין ערשטע דערציילונג, וואָס די „גערעכטיקייט" האָט אָפגעדרוקט, נעמט אויס, איז אָבער דער פאַרדרוס אין אים געווען שטאַרקער. וואָכן האָט ער זיך געשלאָגן מיט דער דעה, געחלשט צו ווייזן די דערציילונג דער מיס גרין, געוואָלט זי זאָל עס איבערלייענען, האָט ער אָבער מורא געהאַט טאָמער דערקענט זי אַז ער האָט זי דאָ געשילדערט, כאָטש ער האָט פאַרביטן דעם נאָמען, שטאָט ביטריס גרין, הייסט גאָר די העלדין ביי אים: בעטי גאָלד. איז אָבער דער דראַנג מיט עפעס זיך אַרויסצוהייבן פאַר דער מיס גרין געווען שטאַרקער און ער האָט די דערציילונג איר יאָ געוויזן. צום ערשט האָט זי געקוקט אויף דעם בלאַט און נישט געוואוסט וואָס ער ווייזט איר, ערשט אַז זי האָט דערזען זיין נאָמען, האָבן אירע אויגן אויפגעשיינט און די גרויסע שוואַרצאַפלען אין זיי האָבן געטאָן אַ בליאַסק אויף אים מיט קינדישער פרייד:

— פיינזילבער! ער שרייבט?

ער איז געווען אין די הימלען, נתן חיים, געווען גליקלעך, וואָס זי לייגט דאָס בלאַט אין בייטל אויף צו לייענען די דערציילונג אין דער היים. זאָל אים געווען איינפאַלן אַז זי וועט די סקיצע עמעצן ווייזן? נעמט זי און גיט עס דעם פאָטער צו לייענען און איצט וויל מען דאָרט ער זאָל קומען זיך באַקענען מיט דער פאַמיליע. און דאָס געפעלט אים נישט, נתן חיימען! אַז אַ טאַטע זאָגט זיין טאָכטער, ער וויל באַקענען דעם בחור, וואָס מיט אים טרעפט זי זיך, ווערט דאָס אַן ערנסטע זאַך און אויף דעם איז ער, נתן חיים, נישט גרייט. אמת, עס שמייכלט אים זיך צו טרעפן מיט דער מיס גרין, אָבער אים פאַלט אפילו נישט איין פון דעם טרעפן זיך זאָל עפעס ווערן.



ווי קומט ער צו איר? אמת, מיידלעך אין וואַרשע, טייל אפילו גימנאַזיסטקעס, האָבן אים זייער גערן געזען און, צו וואָס זאָל ער דאָס לייקענען? מ'האַלט אים נישט פאַר קיין פראָסטן, אָבער אין קיין שקאָלעס איז ער דאָך נישט געגאַנגען. און זי, די ביטריס גרין, איז אַ מעדיצין־סטודענטקע, גרייט זיך צו ווערן דאָקטאָרין, איז ווי קומט ער צו איר? שוין איצט, נאָך איידער וואָס און ווען, איז ער דאָך שוין, דאַכט זיך, נישט ער. מיט אַנדערע מיידלעך איז ער באַרעדעוודיק, פלירטעוועט מיט זיי, קען אפילו וועלכע אַרומנעמען און אַזוי שפילעוודיק איר אַ קוש טאָן אויף די ליפן. מיט דער מיס גרין אָבער איז ער געהאַמעוועט, וועגט און מעסט יעדערס וואָרט און נאָר עס דאַכט זיך אים אַז זיינע רייד זענען צו פראָסט פאַר איר, גאָרנישט מיינענדיקע פאַר אַ מעדיצין־סטודענטין.

אָנשטאָט עסן האָט די מיס גרין, אין דער אָנגעשטאַנענער שטילקייט, אַזוי זייטיקלעך געפאָרשט דעם קאַוואַליער אירן. זעט אויס, איר פאָרלייגן ער זאָל קומען צו זיי זיך באַקענען מיטן פאָטער, האָט אים געשטעלט אין פאַרלעגנהייט, האָט זי אויף גיך גענומען אים אַראָפפירן פון די טראַכטענישן:

— וואָלט ער געפאָרן מיט איר אין פראָספעקט פאַרק שפילן טעניס?

נתן חיים, מיטן ביסן אין מויל, האָט אָנגעשטעלט אויף איר אַ פאָר אויגן:

— טעניס? האָט ער געהויבן די אַקסלען — ווי קומט ער צו טעניס? ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכן איז ער נאָך געווען אַ יונג־יינגל. טאָג און נאַכט איז ער אַרומגעלאָפן איבער וואַרשע זוכן אַ קאַרטאָפל, אַ שטיקל ברויט פאַר די שוועסטערלעך, פאַר דער קראַנקער מאַמע, פאַר דעם פון הונגער געשוואָלענעם טאַטן, איז אים געלעגן אין קאָפ צו שפילן טעניס?

נתן חיימס אַמאָליקע דאָליע האָט די מיס גרין גאָר צערודערט. אירע פייכט־געוואָרענע אויגן האָבן מיט באַדויער געקוקט אויף אים. דערביי האָט זי זיך געמאַכט אַ פאָרוואורף: „ווי דום זי איז היינט!" פיינזילבער קומט דאָך פון פוילן און נאָך אַזאַ שרעקלעכער מלחמה. אַמעריקאַנער באָיס זענען דאָך געפאָרן קיין „יוראָפ" „פייטן" די דייטשן! ווי האָט זי דאָס געקענט פאַרגעסן? זי האָט אַרויסגעלייגט גאָפל־מעסער פון די הענט, אָפגערוקט דעם טעלער און, ווי פריער פון דעם פאָרלייגן אים קומען צו זיי, האָט זי איצט געפרואווט אים אַראָפפירן פון דעם שפילן אין טעניס:

— אָבער שיפלען זיך, פיינזילבער? פירן אַ שיפל קען ער דאָך געוויס?

— צי ער קען פירן אַ שיפל? האָט נתן חיים אַ לאַך געטאָן — ער פלעגט אפילו פירן שיפלעך אויף דער ווייסל!

— איז גוט! פאָרן זיי אין פראָספעקט פאַרק זיך שיפלען אויפן לייק.

זיי זיינען אַרויס פון רעסטאָראַן, אַראָפ אין סאָבוויי. די באַן קיין ברוקלין איז אָנגעלאָפן פון „אַפטאַון" אַ פולגעפאַקטע מיט אָפגעהאָרעוועטע מענטשן, נאָר וואָס אַרויס פון די שעפער, פון די אָפיסעס, אַז קיין שטרויעלע האָט שוין, דאַכט זיך, נישט געקענט מער אַריין. דאָך, ווי נאָר די טירן פון די וואַגאָנעס האָבן זיך געעפנט, איז דער מענטשן־געקנויל פון דער סטאַציע דאָ, באַפאַלן די צעעפנטע טירן מיט אַזאַ געשטופ, אַז כאָטש נתן חיים מיט דער מיס גרין האָבן זיך געריסן אַרויס צוריק פון דעם געדראַנג, זענען זיי דאָך, קעגן זייער ווילן, מיטגעטראָגן געוואָרן אין וואַגאָן אַריין, ווי שפענדלעך, וואָס ווערן מיטגעטראָגן פון אַ ווילד־אָנגעלאָפן געוויטער.

אָפגעמאַטערטע, פאַרסאָפעטע, זיינען ביידע געשטאַנען אין וואַגאָן אַריינגעקוועטשט צווישן אַ פאַרשוויצט מענטשן־געזעמל און כאָטש איבער די קעפ, פון סופיט אַראָפ, האָבן זיך געדרייט קיל־פעכערס, האָט פון יעדן איינעם גערונען דער שווייס פון שטערן, פון פנים, און נישט נתן חיים, נישט די מיס גרין האָבן נישט געקענט אַרויסקריגן קיין האַנט פון דער צענויפגעדריקטקייט צו קענען אַוועקווישן דעם שווייס פון זייערע פנימער. ערשט נאָך עטלעכע סטאַציעס, אַז עס איז גרוימער געוואָרן אין וואַגאָן, האָבן זיי זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ פריי־געוואָרן בענקל און, ווישנדיק דעם שווייס, האָט נתן חיים אָפגעאָטעמט:

— אוף־ף־ף! ס'אַ שווער לאַנד, דאָס אַמעריקע. ס'איז ערשט סוף מאַי

און היצן שטייען שוין דאָ ערגער ווי אין פּוילן תשעה־באָב צייט.

— תשעה־באָב? האָט די מיס גרין אומגעקערט צו אים איר רויט־אָנגעהיצט געזיכט — וואָסער יום־טוב איז תשעה־באָב?

נתן חיים האָט חידושדיק איר געקוקט אין די גרויסע, פרעגנדיקע אויגן. ער האָט געגאַפּט: וואָלט אַזוינס מעגלעך געווען אין פּוילן? דער טאַטע — אַ געוועזענער ישיבה־בחור, דאָס מיידל רעדט אַזוי גוט יידיש און דאָך ווייסט זי נישט וואָס תשעה־באָב איז!

— דאָס איז נישט קיין יום־טוב, דאָס איז אַ טרויער־טאָג. יידן קלאָגן אין דעם טאָג אויפן חורבן בית המקדש.

— אָ, ער מיינט ווען דזשערוזאַלעם איז געפאַלן און דער טעמפּל איז צעשטערט געוואָרן? שור, אָפקאָרז, זי האָט געלייענט וועגן דעם אין „היסטאָרי־בוקס."

— יאָ, מיס גרין, צוליבן פאַלן פון ירושלים און חרוב ווערן פון בית המקדש, זענען די יידן פאַרטריבן געוואָרן פון זייער לאַנד, איז איינגעשטעלט געוואָרן אַ טרויער־טאָג, תשעה־באָב. דאָס מיינט דער ניינטער טאָג אין יידישן חודש אָב, וואָס פאַלט אויס צווישן סוף יולי און אָנהייב אויגוסט. פאַרנאַכט, ערב דעם טאָג, גייען יידן אין די שולן, קערן איבער די בענק, נעמען אַראָפּ דאָס פּרוכת, די פּויערהאַנג הייסט עס, פון ארון קודש, דאָרט וואו די תורה שטייט, דאַן וואַרפן אַלע אַראָפּ די שיך פון די פיס און מ׳זעצט זיך אין די בלויזע זאָקן אויף די איבערגעקערטע בענק, און מ׳הייבט אָן זאָגן קינות, דאָס מיינט קלאָג־לידער אויפן גרויסן חורבן, און דעם גאַנצן מעת־לעת, פון דעם פאַרנאַכט ביז צעמאָרגנס אָוונט, פאַסט מען. ווייסט זי גאָרנישט וועגן דעם?

— אָ, פיינזילבער, האָט זי מיט ליבשאַפט אים געגלעט די האַנט. — ער ווייסט אַזוי פיל, זי וועט קענען פיל לערנען פון אים.

נתן חיים האָט זי לייכט אַרומגענומען, צוגעצויגן זי צו זיך:

— לערנען פון אים? האָט ער שמייכלענדיק געהויבן די אַקסלען. — ער — פון איר וועט זיכער קענען לערנען אַ סך מער.

— לערנען פון איר? האָבן אירע אויגן אויפגעלויכטן — אפילו שוין היינט אָוונט. זי וועט אים לערנען ענגליש, מאַט, וואָס נאָר ער וועט וועלן.

די באַן איז געהאַט אַרויס פון טונעל. סנאָפּעס זון־ליכט האָבן געפליצט דורך די וואַגאָן־פענצטער. ביטריס האָט זיך אויפגעשטעלט, גענומען זיין האַנט:

— פיינזילבער, דאָ שטייגן מיר אויס.

זיי זיינען אַראָפּ די טרעפּ, אַרויס אויף דער גאַס. אַ קיל ווינטל האָט דאָ געבלאָזן און ס׳האָט געשמעקט מיט בעז, מיט עפּל־בליעכץ. די מעיפּל־ביימער, אין ביידע זייטן וועג, האָבן געשפּרייט קילע שאָטנס איבער די ברייטע, ציכטיק־ריינע טראָטואַרן, איבער די פיל־קאָלירטע דעכלעך פון אָנצאָליקע קארס, וואָס זענען דאָ פּאַוואָליע געפאָרן, ווי אויף אַ נאָכמיטאָג־שפּאַציר.

— אָ, דאָ איז הערלעך, האָט נתן חיים טיף אַריינגעאָטעמט די גוטע לופט און דערביי געקערעוועט דעם קאָפּ אין אַלע זייטן. — יאָ, הערלעך און קיל.

— אין פּאַרק, ביים לייק, איז איצט נאָך קילער, האָט די מיס גרין אים פאַרזיכערט און, פאַראייַנוועגס, אַזוי נישט דרייסט, אים געפרעגט: — וועט ער נישט האָבן קעגן, אויב זי וועט, פאַרן שפּילען זיך, אַריינכאַפּן אַ שעה טעניס? בלויז איין שעה. ער פאַרשטייט? אַ גאַנצע וואָך — אין אָפיס, די אָוונטן — אין אוניווערסיטעט, בלייבט איר בלויז שבת און זונטיק אויף אַביסל „עקסערסייז".

נתן חיים איז געווען גערירט. זי פרעגט אים צי זי מעג שפּילן אַביסל טעניס!

— מיט פאַרגעניגן, פאַרוואָס זאָל ער האָבן קעגן דעם? זי האָט דאָך אָבער נישט קיין ראַקעט, קיין באַלעמלעך און, האָט ער פאַרשולדיקט צוגעגעבן — אַ פאַרטנער? ער קען דאָך נישט שפּילן.

זי האָט געמייכלט, די ביטריס גרין:

— ער איז אַזאַ גרינער! מ׳מוז נישט ברענגען מיט זיך דעם ראַקעט מיט די באָלס. יעדער „מעמבער" פון טעניס־קלוב האָט דאָרט אַן אָפּגעשלאָסן שענקעלע צו האַלטן דאָס ספּאָרט־אָנטועכץ און אַלץ וואָס מען דאַרף. און, אַ פאַרטנער? האָט זי פאַרשולדיקט געשמייכלט — זי איז אַזוי נאַריש! זי האָט געמיינט די באָיס



אין „יוראָפּ" שפּילן טעניס ווי דאָ, אין אַמעריקע. אָבער ער דאַרף נישט זאָרגן. זי האָט דאָ פריינט, באַקאַנטע. זי וועט שוין געפינען אַ פאַרטנער.

זיי זיינען אַריין אין פּאַרק, צוגעקומען צו אַ פּלאַץ, הויך אַרומגעצוימט מיט דראָט־געפלאָכטענע ווענט. אינווייניק איז דער פּלאַץ געווען צעטיילט אין שמאָלע פּאַסן, אָפּגעצייכנטע מיט ווייסע ליניעס און יונגע פּאָרלעך, פאַרטועגע, פאַרהאַוועטע, זענען געשטאַנען איינע קעגן צווייטן און מיט שיין־געפלאָכטענע לאָפּעטקעלעך געקלאַפּט באַלעמלעך הין און צוריק איבער די שאַטקע־באַריערן, הויך — נאָר ביז אַ מענטשנס גאַרטל.

נאָך פאַרן צוקומען נאָענט צו דעם אַרומגעצוימטן טעניס־קאָורט, איז שוין נתן חיים געווען פאַרגאַפּט, פאַרכאַפּט פון די שפּילערס געשיקטקייט, פון זייער פלינקן לויף און שפּרונג דעם באַלעמל אַנטקעגן. ערשט דאָס ריטמיש־געקלאַפּ פון די צענדליקער לאָפּעטקעס אין די פליענדיקע באַלעמס האָט גאָר געלאַשטשעט זיין געהער, געהייטערט זיין געמיט.

— דאָ איז עס, האָט ביטריס אים אַרויסגענומען פון זיין גאַפּן. — נאָר איין שעה, פיינזילבער, האָט זי אַזוי קינדיש־פאַרשולדיקט אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף זיין אַקסל, — אין אַ שעה אַרום קומט זי צוריק און זיי גייען זיך שפּילען. גוט, פיינזילבער?

— זי דאַרף זיך נישט פילן שולדיק, האָט ער זי באַרואיקט, גלעטנדיק איר האַנט — זי קען שפּילן אפילו צוויי שעה, ער וועט דאָ וואַרטן אויף איר.

— טהענקס, פיינזילבער, יו׳ר עי דאַרלינג. און שוין, ווי אַ פריי־געוואָרענער פויגל, האָט זי געטאָן אַ פלי צו דעם אָפיס־געביי.

מיט ליבשאַפט און מיט קנאה האָט נתן חיימס בליק איר נאָכגעשוועבט ביז אין אָפיס אַריין, ערשט דאַן האָט ער אויסגעטאָן דאָס רעקל, זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק, ווי די פיל מענטשן אַרום, און שוין צוריק אָנגעהאָנגען דעם בליק, דורך דער דראָט־געפלאָכטענער וואַנט, אויף די יונגע, פאַרהאַוועטע שפּילער, אַלע אַזוי לייכט־ספּאָרטיק, אַלע אַזוי זאָרגלאָז פאַרטאָן אין דער שפּיל. נאָר אָנשטאָט ווי פריער — געהייטערט, איז זיין געמיט איצט געוואָרן טריב און די קנאה האָט אים גענומען פּרעסן: „מיט וואָס איז ער ערגער פון די בחורים, פון די מיידלעך, אפילו פון דער מיס גרין? פאַרוואָס האָבן זיי געהאַט דאָס גליק צו גיין אין שקאָלעס און טייל פון זיי אפילו נאָך איצט אין אוניווערסיטעטן! און אים — אַזאַ וויסטע דאָליע, אַזויפיל פאַרשעמונג און יסורים דורך זיין גאַנץ, יונג לעבן."

אינמיטן דער פאַרטראַכטקייט האָט פּלוצים זיין בליק צוריקגעוואַנדערט צום בריקל פון אָפיס־געביי. נתן חיים האָט אויפגעריסן די אויגן. דאָס איז דאָך זי, די מיס גרין! זע נאָר ווי פאַרענדערט! אַריינגעגאַנגען אַזאַ באַשיידן־אָנגעטאָן מיידל, אין אַ שוואַרצער ספּודניצע, שיער נישט ביז די קנעכלען, אין אַ ווייס בלוזקעלע — פאַרקנעפּלט ביזן האַלדז און אַרויסגעקומען איז אַ האַלב־אַנטבלויזטע ספּאָרטין! דער בינט שוואַרצע האָר — פאַרשטעקט אונטער אַ ווייס היטעלע מיט אַ שוואַרץ־גלאַנציקן דאַשעק. די אָרעמס — נאַקעט. דאָס ווייסע ספּאָרט־בלוזקעלע — טיף דעקאָלטירט און דאָס ווייסע, געפעלבלטע ספּודניטשקעלע איז איר אַזוי קורץ אַז עס פאַרדעקט נישט די פּאָלקעס אירע, שיין־געפאָרמטע, טונקלהויטיקע. איז אָט שטייט זי דאָרט אויפן בריקל אין ווייכע, ווייסע־לייוונט שיך מיט ווייסע שקאַרפּעטן ביז די קנעכלען און אַ ראַקעט, אַזאַ שיין געפלאָכטן לאָפּעטקעלע אין האַנט. באַלד איז איר נאָכגעקומען אַ בלאָנדער יונג אין קורצע באָד־הייזלעך, מיט אויך אַזאַ ראַקעט און דערצו, אין דער אַנדערער האַנט — אַ טאָרבעלע באַלעמלעך.

ביים אַראָפּגיין פון טרעפּל, צו שטעלן זיך מיט דעם פאַרטנער איינע קעגן אַנדערן אויף דעם אָנגעצייכנטן שטח, האָט זי, דורך דער דראָט־געפלאָכטענער וואַנט, דערזען אים, נתן חיימען. זי האָט געטאָן אַ פאָך צו אים מיט דעם פאַרהויבענעם ראַקעט: — היי, פיינזילבער! — און שוין איז זי געוואָרן פאַרטאָן אין קלאַפּן באַלעמלעך צום בלאָנדן יונג הין און צוריק, זי צו אים און ער צו איר.

אין נתן חיימען האָט זיך דאָס האַרץ ווי איינגעקורטשעט. ביי יעדן קלאַפּ דעם יונגס צו איר און אירן צו אים, האָט ער

געפּילט ווי מעסערס שניידן אים אין זיין סאַמע געביין. אָ, ניין! דאָס איז שוין נישט געווען בלויז קנאה, וואָס דער בלאָנדער יונג דאָרט קאָן יאָ דעם שפּיל און ער — נישט. דאָס איז שוין געווען גיפטיקער אייפערזוכט און נאָך געמישט מיט האַס צו דעם אומבאַקאַנטן דאָרט. אָ, ווי ער האָט זיך אַליין גענאַרט, נתן חיים! זיך איינגערעדט אַז זיין טרעפן זיך מיט דער ביטריס גרין מיינט גאָרנישט, אַז דאָס טרייבט אים צו איר דער עלנד זיינער אין דעם נייעם לאַנד, אַז ווי נאָר ער וועט זיך דאָ איינעסטן, זיין אַרומגערינגלט מיט באַקאַנטע, מיט פריינד, וועט ער אויפהערן צו טרעפן זיך מיט איר, דאָ גאָר איז יעדער לאַך אירס צו דעם יונג — אַ מעסערשניט אין זיין האַרץ. וואָסזשע זאָל ער דאָ טאָן, זיך אויפהייבן און אַוועק אָן אַ גוד־באַי אפילו?

די שעה איז דערווייל געהאַט אַריבער און די ביטריס איז צוריק געווען לעבן אים. דער בינט שוואַרצע האָר איז איר ווידער פאַרלייגט אין אַ לויזן גרעק פון הינטן. דאָס ווייסע בלוזקעלע האָט מער נישט דעם טיפן דעקאָלט, נישט די נאַקעטע אָרעמס, וואָס האָבן אים פריער אַזאַ בלענד געטאָן אין די אויגן און די שיינע, טונקלהויטיקע ליטקעס אירע זענען ווייטער פאַרהוילן הינטער דער לאַנגער, שוואַרצער ספּודניצע.

— ווי גלייכט ער איר שפּילן? האָט זי, אַזוי קאָקעטיש־שמייכלענדיק אים געפרעגט.

ווי נתן חיימס געמיט איז איצט נישט געווען צו פּראַווען אָנשטעלן, צו מאַכן קאָמפּלימענטן, נאָר גאָר צו דערוויסן זיך עפּעס וועגן דעם בלאָנדן פּאַרטנער אירן. איז ער אַ באַקאַנטער אירס? טרעפט זי זיך מיט אים? האָט ער דאָך געשמייכלט:

— אָ, זי שפּילט הערלעך און אַזוי געשיקט!

— קאַם, קאַם, פיינזילבער — האָט זי זיך געהנדלט און דערביי זיך צוגעזעצט לעבן אים זייער נאָענט. — וואָס, ער וויל זי מאַכן גוט־פילן? האָט ער נישט געזען וויפיל באַלס זי האָט „געמיסד"? ער וועט זיך מוזן אויסלערנען שפּילן טעניס. — אָ, פיינזילבער, „איט'ס וואָנדערפול"! און אירע אויגן, שטענדיק פריידיק־בליאַסקעדיקע, האָבן געלויכטן מיט אַזאַ גליקפייערל פון די שוואַרצאַפּלען אַרויס. זי האָט זיך געטאָן אַ שטעל־אויף — וועל, איצט גייט מ'זיך שיפלען.

נתן חיים האָט גאָרנישט געענטפערט. ער האָט אָנגעטאָן דאָס רעקל, גענומען גיין לעבן איר אַ שטילער, אַן איינגעשוויגענער. דער דמיון זיינער האָט אָבער נישט געשוויגן. וועט ער קענען ווערן אַזוי זאָרגלאָז, אַזוי גרינג אין געמיט ווי זי?

— וואָס איז געשען, פיינזילבער? האָט זי אומגעדרייט דעם קאָפּ צו אים: — פאַרוואָס אַזוי „מודי"?

— גאָרנישט, אַזאַ טבע שוין ביי אים. פּלוצים פאַלט ער אַריין אין שלעכטער שטימונג. ער מיינט, מ'זאָל בעסער אָפּלייגן דאָס שיפלען זיך אויף אַ צווייט מאָל.

די מיס גרין האָט אים זייטיקלעך געפאָרשט מיט איר בליק: — איז דאָס בלויז שלעכטע שטימונג? און אפשר גאָר — אייפערזוכט? דאָס לעצטע האָט איר גראָד געשמייכלט און כאָטש איר האָט נישט געשמעקט צו רעזיגנירן פון דעם שיפלען זיך מיט אים, האָט זי דאָך אַ זאָג געטאָן, כלומרשט גלייכגילטיק:

— אויב ער וויל אַזוי, איט'ס אָ־קעי מיט איר.

זיי זיינען אַרויס פון פּאַרק, צוריק אַרויף צו דער סאָבוויי־סטאַציע, געזעסן אין וואַגאָן איינע לעבן אַנדערן, נאָר דאָס מאָל — שטילע, איינגעשוויגענע — צוויי באַזונדערע וועלטן. די מיס גרין האָט זיך נאָך אפילו געבראָכן דעם קאָפּ: וואָס מיט אים איז געשען, צי איז דאָס בלויז אייפערזוכט? אָבער אים, נתן חיימען, איז שוין אַלץ געווען קלאָר: אויב איצט, נאָך איידער וואָס און ווען, איז ער אַרומגעכאַפּט געוואָרן פון אַזאַ אומרו בלויז צוליבן זען זי אין אַ טעניס־שפּיל מיט עפּעס אַ בחור דאָרט, וואָס וועט שוין זיין שפּעטער? זי וועט דאָך ציען צו די שפּילן, ס'איז דאָך איר איינגעוואוינט לעבן. ער — מיטהאַלטן אין דעם וועט דאָך נישט קאָנען. וועט זי מוזן זיך טרעפן מיט אַנדערע. אַי איר גרייטקייט אים צו לערנען, אַריינצופירן אים אין איר וועלט? דאָס וועט דאָך נישט העלפן. קען אַ מענטש זיך ענדערן?



ווען זיי זיינען אַרויס פון סאָבוויי איז שוין געווען נאַכט. אַריבער דעם עלעווייטעד, אויף יענער זייט האַדסאָן, האָט נאָך דער הימלראַנד געגליט מיט רויטפיאָלעטע פייער, דאָ אָבער, אויף דער זייט דעלענסי, איז דער הימל געווען טונקל. די גאַסן־לאָמפּן אויף די ראָגעס, די שויפענצטער אויף ביידע זייטן גאַס האָבן געבלענדט מיט ליכט און דאָס געפּאָר פון טראָקס און „טראָליס", פון קאַרס און פערד און וועגן איבער דער ברייטער דעלענסי סטריט, צו און פון דער וויליאַמסבורג בריק, האָט געפּלייצט ווי אַ מעכטיק געוויטער, איז דאָ, אויף די ברייטע טראָטואַרן, דאָס שבת־צונאַכטסטיק געגיי פון שפּאַצירנדיקע פאָרלעך געווען פּאַוואָליע, נאָך אַלץ מיט דער שבתדיקער מנוחה.

זיי זענען אַריין אין סאָפאָלק סטריט און געבליבן שטיין, עפּעס ווי נישט ער און נישט זי וואָלטן נישט געהאַט דעם כוח און אויך נישט דעם ווילן זיך אָפּצורייסן איינע פון אַנדערן ביז, זי האָט געטאָן אַ שטרעק אויס די האַנט:

— גוד־באַי מר. פיינזילבער. נעקסטן שבת זעען מיר זיך אין אונדזער אָפיס.

נתן חיים האָט איר גאָרנישט געענטפערט. ער האָט געהאַלטן איר האַנט אין זיינער און געקוקט אַרום זיך. סאָפאָלק סטריט איז אַזוי שאָטנדיק, אַזוי פינצטער, ווי עס איז איצט פינצטער זיין געמיט. ער שאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ, אָבער ער ווייסט אַז ניין, זעען זיך מיט איר אין אָפיס — וועט ער נישט מער. דאָס לעצטע מאָל איצט אַז ער זעט זי, די ביטריס גרין, דאָס לעצטע מאָל אַז ער האַלט איר האַנט.

ביטריס האָט גענומען גיין, נאָר ער איז נאָך אַלץ געשטאַנען, געשטאַנען און געקוקט אין דער טונקל אַריין ווי זי טריטלט פון אים אַוועק, ווי אַ שאָטן שוועבט זי פון אים אַוועק אין דער שאָטנדיקער נאַכט אַריין.

יהושע ריווין

# אין רעטראָספּעקט

ס'טוען מיר ניט באַנג די פאַרלאָפענע יאָרן,
פאַנטאַזיעס, קאַפּריזן, וואָס זיינען צערונען —
איך האָב דאָך אפילו אין אָוונטן גרויע
פריינדשאַפט און ליבע אין מענטשן געפונען.

אין טעג פון פאַרצווייפלונג, אין טעג פון אַנטוישונג,
וואָס זיינען געווען אַזוי פיינלעך און שאַרף —
דאָך ניט פאַרטעמפּט האָבן זיי מיין באַרוישונג
אין מיר ניט פאַרשטומט דעם געקלאַנג פון מיין האַרף.

און איצט נאָך יאָרן אַזוי פיל פאַרגאַנגען,
וויבּרירן אין מיר, ווי דער אָפּקלאַנג פון שטאָל,
לידער, חלומות און הייסע פאַרלאַנגען,
אָט ווי אין מיין יוגנט, פון וויטן אַמאָל.

פון רוסישן: ז. בונין

ה. לאַנג

# פונקען פון ווייטע פייערן

מאָריס ווינטשעווסקיס „עטעלע“, מאָריס ראָזענפעלדס „מיין יינגעלע“, דוד עדעלשטאַטס „צוואה“, דער לאָס אַנדזשעלעסער גילגול, אב. קאַהאַנס „עולם הזה און עולם הבא,“ **80** יאָר יידישע אַרבעטער באַוועגונג און יידישע קולטור.

זכרונות און מחשבות נעמען מיך איצט צו דער גאַנצער לענג און ברייט פון די שטאַטן.

אפילו נאָך ווייטער, איבער ימים.

עס שטייען־אָן טעג מיט היסטאָרישן יום־טוב און חשבון.

אַכציק יאָר זינט דעם אויפקום פון אונדזער פאָלקס אַרבעטער באַוועגונג אין דער מזרח־אייראָפּעאישער אימיגראַציע.

איינשטעל פון די ניו־יאָרקער פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן מיט דרכים צו דער וועלטס ווייטקייטן.

עס איז אַ זעלטענער אויסשטראַל פון דער יידישער קולטור אַלט און ניי. אַ נייער רוף צו משיחות. פאָלקס־דערלייזונג דורכן בעל־מלאכהשן יוניאָניזם.

אַוודאי איז עס היסטאָריש; ניט דווקא מיט ק ל אַ ס - מאָטיוון האָט זיך איינגעשטעלט די יידישע אַרבעטער באַוועגונג. געווירקט מער האָבן פ אָ ל ק ס־מאָטיוון.

אויסראָטן דורך יוניאָניזם דלות און שאַפּ־קנעכטשאַפט אין אומבאַהאָלפנקייט אויף פרעמדער ערד איז געוואָרן דרינגענדיקע פאָלקס־נויט, ממילא אַ וויכטיקייט קודם אָנצוצינדן אַ נשמה־פייער פאַר גייסטיקער דערהייבנקייט.

קולטור־מענטשן אונדזערע אין דער דעמאָלסדיקער אימיגראַציע מיטן כלל־נאָמען „סאָציאַליסטישע אינטעליגענץ“, אַליין פאַרהאָרעוועטע ביי דער פאַרביטולטער שער־און־נאָדל האָרעוואַניע, האָבן בעתן שאַפן שניידערשן יוניאָניזם אַריינגעקראָגן אין זיך אַ ליכטיקן געמיט, און גענומען טראָגן צו די טענעמענט־הייזער און אין שאַפּ אַריין יענע אייביקע גייסט־און־מאָראַל־עשירותן, וואָס יעטוועדער ייד האָט זיי געהאַט אָפּגעהיט אויך אינעם דלותדיקן איינגעשראָקענעם מזרח־אייראָפּעאישן שטעטל.

טענעמענט־הויז און שאַפּ זיינען געוואָרן דערוואַרעמט. ס'האָט אויפגעשיינט נשמה יתירה. יידישער יוניאָניזם האָט דערמיט זיך געבויט אַנדערש ווי אַרבעטער צונויפגעזאַמלטקייט ביי אַלע אַנדערע פעלקער, דער אייביקער „יוצא מן הכלל.“ יידן ווי דער „עם־סגולה.“

אונדזערס איז געצילט צו העכערס, צום ליכט פון אונדזער פאָלקס־טראַדיציע, צום וויזיאָנעריש־משיחישן „עולם־התיקון.“ און דער וועג אונדזערער איז צדק און קדושהדיקע חשיבות פאַר דעם מין מענטש וואָס אין היינטיקן לשון ווערט עס אָנגערופן סאָציאַלע גערעכטיקייט.

און אונדזערס איז איינגעקלאַמערט אין עטישע פּרינציפּן ווי אַ חוב פון מענטש צו מענטש, צי ס'איז אַרבעטס־חברים אין שאַפּ, צי שכן מיט שכן אין טענעמענט־הויז, און אין דער פיל ברייטערער סביבה: קלאַס, פאָלק, אמונה.

און תמיד איז אונדזערס געווענדט צו דעת־הקהל און דער כוח אונדזערער איז מאָראַלישע אַחדות, און ס'איז דורכגענומען מיט יראת הכבוד פאַר לומדות, אָנפירערס זאָלן זיין מענטשן מיט גייסט. און דער אויסבליק גייט ניט אַזוי צום זעלבסט־אינטערעס, ווי צו **אהבת אחים** מכל העמים און אוניווערסאַליזם, אינטערנאַציאָנאַליזם, וואָס דערמיט איז געשטאַרקט אונדזער נאַציאָנאַליזם...

און טאַקע דערמיט האָט זיך אויסגעשמידט, אינעם אָפּלויף פון די 80 יאָר, אַמעריקעס יידישע טורעמדיקייט פון היינט־צו־טאָג. און געשמידט האָט מען עס מיט אייגן לשון — יידיש — און מיט ס'גאַנצע יידישע פאָלקס־אייגנשאַפט, פולע



קערב מיט טאַלענט אויסצופורעמען אַן אייגענע געזעלשאַפט.

איז אין מיין מחשבה, אַז אפשר קען זיך עס אויסווייזן ווי וואונדער איבער וואונדער. יאָ, אַ באַנייט יידיש פאָלק אין פרייהייט דורך בעל־מלאכהשן אויפשטייג. און נאָך אַ וואונדער.

מיטן בעל־מלאכה איז געגאַנגען אויפן גאַנצן וועג דער ניי־אָפּגעפרישטער לשון יידיש, וואָס האָט אַלע חנען פון אַ יידיש היים, און אַלע קנייטשן פון אַ יידישן מוח, און אַלע רעגונגען פון אַ יידיש געמיט, און עס וואַשט זיך אין טרערן, און עס לייטערט זיך אין געלעכטערס פון פרייד, און אין טרוים פון בטחון.

דערצו אַ מעכטיקער אייגנאַרט. דעם בעל־מלאכה האָט אַרומגערינגלט ס'גאַנצע ניי־יידישע ליטעראַטור.

דער באַשרייבער, דער זשורנאַליסט, דער דערציילער, דער מוסר־זאָגער און עצה־געבער דורך פּובליציסטיק, דער וועלט־פאַרטייטשער, דער תנ"ך־קענער מיט זיין אויפקלערן דעם צויבער פון די נביאים, דער גמרא־למדן מיטן זיס־אומעטיקן גינון און מיט לאָגישער הסברה, דער ראָמאַניסט, דער דראַמאַטורג דורך טעאַטער און דער פּאָעט מיט זיין ליד — דער פּאָעט מער ווי אַלע. מען זינגט זיין ליד.

קיין אַרבעטער באַוועגונג ביי אַ וועלכן פאָלק האָט ווען געהאַט אַרום זיך — און האָט ניט אויך איצט — אַ צונויפנעם פון הימנעס און תפילות, און ווער רעדט שוין פון אַ גאַנצן סדר פון סאָציאַלע פּיוטים, וואָס זאָל זיין דאָס האַרץ פון דער גאַנצער פאָלקס־ליטעראַטור, ווי דאָס איז דער יום־טובדיקער מזל ביי אונדז.

אין זיין גרויס־רעדאַקטאָרשן עדעלשטאַט־ווערק האָט דער דיכטער ב. י. ביאַלאָסטאָצקי אויסגעשטעלט אַ פולע רשימה פון די פּאָעטן ביי דער סאָציאַלער דיכטונג אין דער יידישער ליטעראַטור, און ממש דער גאַנצער פּאָעטישער שבט אונדזערער איז אין די רשימה־שורות.

די עלטסטע און די יינגסטע; די כוהנים אין דער יידישער פּאָעזיע און די, מיט זייער באַשיידענער שעפערישקייט; די, וועמעס דיכטער־נשמות פאַרנעמען זיך מיט די מיסטישע אַנטפּלעקונגען אין אונדזער פאָלקס־געשיכטע, און די, וועמעס רעאַלע דורכלעבענישן רעגן אָן זייערע פּאָעטישע וויזיעס.

יעדע תקופה פון אַרבעטער קאַמפן און אַרבעטער שטייגונג אין די אָפּגעגאַנגענע 80 יאָר האָט געהאַט אַ ניי־שעפעריש דיכטעריש וואָרט — ליריש, באַלאַדע און פּאָעמע — וואָס דערמיט האָט יידישע פּאָעזיע פאַרטיפט די בעל־מלאכהשע דערגרייכונגען צו ווערן פאָלקס־אייגנשאַפט.

קלער איך וועגן דעם סאַמע אָנהייב, יענע ריכטונגען, וואָס איצט זיינען זיי פונקען פון ווייטע פייערן.

איך קלער וועגן מאָריס ווינטשעווסקי און מאָריס ראָזענפעלד, די סאַמע ערשטע סאָציאַלע דיכטער אין אונדזער פאָלקס־ליטעראַטור וואָס די מאָטיוון זייערע זיינען אָרעמקייט און שאַפּ־קנעכטשאַפט.

מאָריס ווינטשעווסקי פון זיינע לאָנדאָנער יאָרן און מאָריס ראָזענפעלד פון זיינע ערשטע טעג אין דער אימיגראַציע מיט אירע סוועט־שעפער און טענעמענט־הייזער.

צום זינען קומט מיר ווינטשעווסקיס ליד „עטעלע“:—

איך קען אַ קליינע מיידעלע,
אַן אַרבעטערס אַ קינד;
איר פנימל, דאָס אײדעלע,
דערפרייט דאָס הויזגעזינד.

זי בליט, דאָס שיינע מיידעלע,
אַפילו אין צייט פון נויט;
ביים פאָטער איז איר קליידעלע
פיל בילכער ווי זיין ברויט.

ער זיצט אָפט ביי איר בעטעלע
פאַראומערט אויף אַ שטול,
און טראַכט פון זיין קליין עטעלע
מיט אויגן רויט און פול...

איך געדענק דאָס „עטעלע“־געזאַנג ביים ערשטן גרויסן, ביטער־שלעגערישן סטרייק (1907) פון די ניו־יאָרקער ריפער־מאַכערס, שניידערס ביי קינדערשע מאַנטעלעך, וואָס מחמת דער לייכטקייט אויסצולערנען זיך די מלאכה איז עס געהאַט געוואָרן דאָס פאַך פון היימישע ישיבה־לערנערס אין דער אימיגראַציע. און איך געדענק ווי טאַטעס מיט באַנדאַזשירטע קעפּ, צעשלאָ־

גענע אויף די „פיקעט־ליינס", האָבן אין די זונטאג־פרימאָרגנס געטראָגן אויף זייערע פלייצעס זייערע „עטעלעך" צו דער ערשטער אַרבעטער רינגס ענגלישער זונטאג־שולע אויף דער ניו־יאָרקער איסט־סיידער הענרי סטריט צו לערנען דאָרטן אין זייערע ייִנגסטע טעג וועגן סאָציאַליזם...

אין זייער אויסגעוואַקסנקייט זיינען יענע „עטעלעך" אַוודאי אַליין אַריין אינעם דור פון לערערינס ביי אַמעריקעס פרייער דערציאונג; איך קלער, אַז פונקען פון די פייערן, אָנגעצונדן פון דער ייִדיש־סאָציאַלער דיכטונג, האָבן געגליט אויך אַרום זיי, און אין אַ ווייטערן דור אויך, און נאָך ווייטער.

אויך די ערשטע שורות פון מאָריס ראָזענפעלדס „מיין ייִנגעלע" קומען מיר צום זינען: —

איך האָב אַ קליינעם ייִנגעלע,
אַ זונעלע גאָר פיין;
און ווען איך זע אים דוכט זיך מיר,
די גאַנצע וועלט איז מיין...

גוט באַוואוסט איז דאָס ליד. עס איז אויפן געמיט פון דור נאָך דור. און איך געדענק ווי מ'האָט עס געזונגען אויף אַ ספּעציעלן שטייגער, אָנגעפירט פונעם איצט באַוואוסטן אַרבעטער־פירער, לואיס האָלאַנדער, בעתן גרויסן שניידער־קאַמף אין ניו־יאָרק (1912-13) ביים פאַרזאַמלען זיך אין די נעכט צו גיין פאַרהיטן די שעפּער פון סטרייק־ברעכערס, און מ'האָט יענע נעכט אָנגערופן מיטן פאַרהייליקטן פאָלקלאָריסטישן אמונה־נאָמען — „חצות".

„חצות" פאַר משיחישער פאָלקס־גאולה איז אַריבער אויך צו אַרבעטער־גאולה.

ווער זאָגט עס, אַז דאָס אָרגאַניזירן די פאַרהאָרעוועטע ייִדישע אימיגראַציע האָט פאַרגעשטעלט אַ פּעריאָד פון אָפּוואַרפן ייִדישקייט?

מען קען עס ניט דרינגען אפילו פון דעם אַנאַרכיסטישן עדעלשטאַט־פּעריאָד.

מחשבות וועגן יענער צייט דערגייען אפילו צו אַ זעלטענעם דרייפאַכן גילגול פון דוד עדעלשטאַטס ניגון, זיין מאַרטירערישע קרוין־ליד, די „צוואה" זיינע: —

אָ, גוטער פריינד, ווען איך וועל שטאַרבן,
טראָגט צו מיין קבר די רויטע פאָן...

דער דרייפאַכער גילגול, הגם אין ענגליש, און מיט גאָר אַנדערע ווערטער, זיינען אָבער תוכן און סטיל אין מאָטיוו פון עדעלשטאַטס „צוואה".

גילגול נומער איינס — דאָס צוואה־ליד פון דעם מאַרטירער פּאָעט דזשאָו היל. ער, דער שוועדיש־אַמעריקאַנישער אַרבעטער־פּאָעט, וועלכער האָט געשריבן די מיינסטע לידער צום זינגען ביי די דעמאָנסטראַציעס פון דער „אַי־דאָבליו דאָבליו", און אַ מאָרד־בילבול איז אויף אים אַרויף בעת אַרבעטער־קאַמפן אין שטאַט יוטאַ, און באַווייזן און פּראָטעסטן האָבן ניט געהאָלפן, הגם פאַר אים האָבן זיך איינגעשטעלט דער שוועדישער קעניג און אַמעריקעס פּרעזידענט וואודראָ ווילסאָן, האָט ער אין דער לעצטער שעה, וואָס אָט וועט ער שטאַרבן אַ פאַרמשפּטער צום טויט, אָנגעשריבן זיין לעצטן פערז: —

„נאַ קענדלס, נאָ פרעיערס,
עי וואַבלי באָטן וויל דו"...

ניט צינדן קיין ליכט, ניט זאָגן קיין תפילות, נאָר לייגן אים צוקאָפּנס דאָס רעוואָלוציאָנערע עמבלעם־קנעפּל פון די וואַבלי־חברים...

אַ גילגול פון עדעלשטאַטס „רויטע פאָן צוואה"; און גילגול נומער צוויי, דאָס צוואה־געזאַנג פונעם אַנאַרכיסטישן פּאָעט, וויליאַם פראַנציס באַרנאַרד:

„דיער פרענדס,
וועהען אָל איז אָווער"..

און זיין געבעט מ'זאָל אים ברענגען צום קבר אַן אָפּגעהאַקט רינג פון אַן אייזערנעם קייט, „אַ סימבאָל פון די רוסישע רעוואָלוציאָנערן געשמידט אין קייטן..."

ביידע, דזשאָו היל און פראַנציס באַרנאַרד, פלעגן אָפט באַזוכן ייִדישע אַרבעטער פאַרזאַמלונגען, און זיי האָבן פאַרנומען עדעלשטאַטס „צוואה"־געזאַנג מיט דער „רויטער פאָן", וואָס דערין איז געווען ייִדישע הייליקייט.

דער דריטער גילגול האָט גאָר גרויסע דראַמע. עס איז די קורצינקע צוואה־פּאָעמע פונעם היסטאָרישן לאָס אַנדזשעלעסער סאָציאַליסט־אַדוואָקאַט דזשאָב האַרימאַן, דער סאָמע גרינדער פון



דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי ביים אָנהייב פון יאָרהונדערט.

זאָל דער נאָמען ניט פאַרפירן. ער איז ניט געווען ייִדיש. ער איז אָבער מיט זיין עלעגאַנץ ביים פּאַרטייטשן מאַרקסיזם, געשטאַנען פאַרחברט מיט די ייִדן־סאָציאַליסטן, מאָריס הילקוויט און אב. קאַהאַן.

אַ צוקרענקטער אין די לונגען, האָבן ביידע געשאַפן פאַר אים געלט־הילף צו קענען אָפּרייזן פון ניו־יאָרק קיין זיד־קאַליפאָרניע. ס'האָט באַטייט, ער רייזט אַהין שטאַרבן. ער האָט אָבער אָפּגעפרישט לעבן, און איז אויפגעשטיגן צו ווערן די פּאָפּולערסטע פּאָליטישע פיגור אין קאַליפאָרניע. עס איז געקומען אַן אַראָפּפאַל דורך זיין דראַמאַטישער ראָל אין דער „מעקנאַמאַראַ אַפערע", אַ טראַגיש קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון אַמעריקעס אַרבעטער באַוועגונג אין קאַליפאָרניע.

אַ פאַראייִנזאַמטער אין זיינע לעצטע יאָרן איז ער געוואָרן אַ מאמין אין אומהיימלעכע „הימלישע גייסטער", וואָס באַהערשן די וועלט.

ביים קומען צו זיין לוויה פון בלויז אַן אַכט מענטשן, מיין ווייניקייט צווישן זיי, האָבן מיר געפונען זיין געבעט־צוואה, אויסגעשטעלט ווי אַ פּאָעמע: —

מ'זאָל ביים קבר לייענען די ביבלישע פּסוקים פון יעקבס חלום... ער ליגט אויף שטיינער און עס איז אים אַ חלום...

...ערשט אַ לייטער שטייט אויף דער
ערד, און זיין שפּיץ גרייכט ביזן הימל...
און זע, מלאָכים פון גאָט גייען אַרויף
און נידערן אַראָפּ... און אָט שטייט
גאָט איבער אים, און ער זאָגט... דאָס
לאַנד, וואָס דו ליגסט דערויף, צו דיר
וועל איך עס געבן, און צו דיין זאָמען...
און דיין זאָמען וועט זיין ווי שטויב
פון דער ערד... און בענטשן וועלן זיך
מיט דיר און מיט דיין זאָמען אַלע
משפחות פון דער ערד.

זינט די אַמעריקאַניש־ייִדישע אַרבעטער באַוועגונג איז אויפגעקומען מיט 89 יאָר צוריק, האָט זי געהאַט אין זיך שטריכן פון ייִדישע פאָלקס־הייליקייטן, און זי איז דערמיט געווען אַנדערש ווי די אַל־אַמעריקאַנישע, און די אַל־אַמעריקאַנישע האָט זיך ביי איר געוואָרעמט. צי עס איז געווען דורך סעמועל גאָמפּערס, אָדער דורך יודזשין דעבס.

אַ בראָשור פון אב. קאַהאַן האָט דעמאָלט געגאָלטן — „עולם־הזה און עולם־הבא."

„עולם־הזה" — יוניאָניזם; „עולם־הבא" — סאָציאַליזם...

און דער ייִדישער געדאַנק, אַז „עולם־הזה" איז נאָר אַ פּרוזדור צו „עולם־הבא"...

איז אַז בעת מען גייט איצט יובלען 80 יאָר ייִדישע געווערקשאַפטן איז עס 80 יאָר ייִדישע קולטור; און הגם אַלץ אַרום דעם קומט איצט צו אונדז דורך פונקען פון ווייטע פייערן, לויכטן זיי און וואַרעמען אונדז...

---

י. אַדלער / פלאָרידא

## פאַר דער זון...

פאַר דער זון וואָס שיינט,
קומט דיר, גאָט, נישט קיין
לויב;
און אויך נישט פאַר דעם
זילבער־שטויב,
וואָס די לבנה גיט אַ מתנה
דער נאַכט.
עס קומט דיר אויך נישט
קיין לויב
פאַר דאָס וואָרקען פון דער
טויב;
אָדער פאַר די געזאַנגען
וואָס פייגל זינגען,
און פאַר די רויטע רויזן
וואָס דופטן.
אויב דו, גאָט, ווילסט
פאַרדינען מיין לויב —
שאַף אָפּ פון דער וועלט
גזילה און בלוט און נויט.
און ווען די וועלט וועט
האָבן גענוג פרייד, און נישט
וויסן פון נויט און רויב —
דעמאָלט וועסטו פאַרדינען
מיין לויב...

שלמה סיימאָן / ניו־יאָרק

# מחשבות אַרום ז. בונינס ליד „על חטא“

שוין חדשים לאַנג אַז עס פאַרפאָלגט מיך ז. בונינס ליד „על חטא“, וואָס איז געווען געדרוקט אין נומער 50 „חשבון“. עס איז אַ ליד געשריבן אָן פּאָעטישע פליטערלעך; געשריבן מיט פּראָסטע טאָגטעגלעכע ווערטער, אָן קיין שום פּרואוו צו זיין פּאָעטיש קלוג און עפעקטיוו. דאָך פאַרפאָלגט מיך דאָס ליד און איך קאָן זיך ניט באַפרייען פון די שורות. עס איז ווי איך וואָלט דערהערט דעם קרעכץ פון איוב (זייט מיר מוחל פאַר דער מליצה). איך האָב דערהערט אַ קרעכץ פון אַ שכיב־מרע, וואָס די גמרא באַצייכנט אַזאַ קרעכץ: „עס צעברעכט אַ האַלבן גוף פון דעם מענטשן.“

אפשר האָט דאָס ליד פון ז. בונין געמאַכט אויף מיר אַזאַ רושם, ווייל עס איז ניט דער אויסגעשריי פון אַ יחיד אַ בעל־תשובה. דער סענסיטיווער פּאָעט האָט אויפגעכאַפּט די יסורים פון אַ גאַנצן דור, וואָס האָט געוואָלט ברענגען די וועלט־גאולה מיט גויאישע שטרייט־מיטלען און האָט דערזען, אַז ער האָט געבראַכט גאָר מער רשעות אויף דער וועלט.

ז. בונין איז ניט דער איינציקער יידישער פּאָעט און פאָלקס־מענטש וואָס קאָן זאָגן אויף זיך:

על חטא, וואָס געווען בין איך פאַרטאָן
מיט אַזוי פיל פרעמדע אידעאַלן,
און ניט געטרונקען פון מיין פאָלקס
גייסטיק רייכע קוואַלן.

על חטא, וואָס אין מיינע יוגנט־טעג
האָב איך מיין לעבן איינגעשטעלט
פאַרן „נעבעך“ רוסישן געדריקטן פויער
און גלייכגילטיק געבליבן צו מיין פאָלק,
אין אַ קאַלטער, פרעמדער וועלט,
צו רדיפות און פּאָגראָמען
אויסגעשטעלט,
צו שטענדיקער געפאַר געלויער.

על חטא, וואָס געקעמפט האָב איך אַזוי
פאַר די שפּאַניער „לאָיאַליסטן“,
פאַר אַ פאָלק וואָס האָט אין פלאַמען
אונדז געשליידערט,
אינגאַנצן אונדז געוואָלט פאַרוויסטן.

ועל חטא, פאַר דעם וואָס איך האָב
אַזוי געפלייסט זיך פאַר ניקאַראַגוואַ,
צוריק מיט יאָרן אונטערדריקטע
פון יונייטעד סטייטס מאַרינען.
די אונגאַרן אפילו געהאַט אין זינען,
אונטערן קנאַפּל פון דיקטאַטאָר האָרטי.
אָנגענומען זיך פאַר אַלע,
אַלע אונטערדריקטע,
נאָר הוי, כרמי שלי לא נטרתי!

איך וואָלט געוואָלט טרייסטן אַלע צעהייטיקטע און אַנטוישטע יידן, וואָס זיינען געווען פאַרטאָן און זיך איינגעשטעלט פאַרן רוסישן געדריקטן פויער, פאַר די שפּאַנישע לאָיאַליסטן, פאַר ניקאַראַגוואַ און אונגאַרן און כינע, אַז זייער צער און צאָרן קעגן די עוולות פון דער וועלט האָט געהאַט די יניקה פון יידישע קוואַלן. יעדער ייד, באַוואוסטזיניק צי ניט באַוואוסטזיניק, איז באַטרונקען (לויט מיין חבר ד"ר עזריאל נאַקס געלונגענעם אויסאויסדרוק) מיט נביאישער הערעזיטעט („הערעסי“). נביאישע אפּיקורסישקייט, וואָס האָט ניט געוואָלט אָננעמען די וועלט ווי זי איז. זיי זיינען אַלע מאָל געווען אין דער אָפּאָזיציע. דער אויסדרוק אין חומש: „צדק, צדק תרדוף,“ נאָך גערעכטיקייט, נאָך גערעכטיקייט זאָלסטו זיך יאָגן (דברים טז:ב) האָט געמאַכט פון יידן אַן אומרואיק פאָלק, ווייל עס איז אַ באַטייטפולער אָנזאָג. עס באַפעלט ניט: „גערעכטיקייט, גערעכטיקייט זאָלסטו אָפּהיטן.“ ווער ווייסט אַקוראַט וואָס גערעכטיקייט איז? אָבער זאָלסט זיך יאָגן נאָך גערעכטיקייט, שטרעבן נאָך גערעכטיקייט; דו זאָלסט קיין מאָל ניט זיין צופרידן מיט דעם סטאַטוס קוואָ — מיט דער וועלט ווי זי איז איצט, אין דיין צייט.

דער תנ"ך איז ניט קיין רעקאָרד פון



„גודי־גודי“, פון גוטינקע מענטשעלעך, וואָס פאָלגן אויס וואָס טאַטע־מאַמע הייסן, וואָס גוטע און פרומע לייט הייסן אונדז צו טאָן. די מענטשן פון תנ"ך זינדיקן. אַלע זינדיקן. מען באַגייט מאָרדן, מען פאַרגוואַלדיקט, מען פאַרקויפט אַ ברודער אין קנעכטשאַפט; אַ קיניג הרגעט אויס אַ גאַנצע שטאָט מיט כוהנים. אַ זון רעבעלירט קעגן טאַטן. אָבער, איבער און אויף אַלע געשעענישן, איז דאָ אַ גייסט פון פּראָטעסט, אַן אויסגעשריי: „דאָס איז ניט רעכט און עס דאַרף ניט זיין אַזוי.“ שוין ווען דער ערשטער מאָרד געשעט איז דאָ אַן אויסגעשריי: „וואָס האָסטו געטאָן? דאָס קול פון דיין ברודערס בלוט שרייט צו מיר פון דער ערד.“ (בראשית ד', יוד). דער תנ"ך איז דורכגעדרונגען מיט איין צענטראַלן געדאַנק: „אמת, דאָס לעבן איז מיאוס, מענטשן זינדיקן, אָבער עס דאַרף אַזוי ניט זיין.“

דער בעסטער מוסטער איז די מעשה דוד און בת־שבע. דאָס וואָס דוד האָט געזינדיקט מיט בת־שבע, אַן אשת־איש, דאָס ווייב פון זיינעם אַן אָפיצער, איז אַ גאַנץ נאַטירלעכע און געוויינלעכע זאַך. ווען אַ קיניג איז באַגאַנגען אַזאַ זינד, האָט זיך עס ניט פאַררעכנט פאַר קיין פאַרברעכן. די רוימישע צעזאַרן האָבן אָפּגעטאָן ערגערע זאַכן. באַשלאָפן דאָס ווייב פון וועלכן עס איז אונטערטאַן, אָדער דאָס ווייב אפילו פון איינעם פון זיינע אַדעליקע איז געווען פון די קליינע פאַרברעכנס. אָבער דער עיקר פון דער מעשה דוד און בת־שבע איז נתן הנביאס אויסגעשריי צו דודן: „אתה האיש!“ נאָך מער, דוד האָט אים ניט באַשטראָפט פאַר זיין טאַדל, ער הערט אויס מיט הכנעה די טיראַדע — ווערטער־מבול — פון די בייזע רייד פון דעם נביא און גיט צו: „איך האָב געזינדיקט צו גאָט.“ נאָך וויכטיקער איז, וואָס גאָט האָט אָנגענומען דודס תשובה. אָבער דוד איז דאָך באַשטראָפט געוואָרן. אַ וועלט איז ניט הפקר.

מענטשן זיינען מענטשן. עס איז אַ סך גרינגער צו זינדיקן ווי צו זיין גוט און פרום. דערציילט דער תנ"ך, אַז די יידן און די וועלט זיינען זינדיק, אָבער עס איז שטענדיק דאָ איינער „וואָס איז פאַרטאָן אין אידעאַלן“ און פאָדערט גערעכטיקייט. דעם יידישן נביא אַרט און פאַרדריסט און ער פּראָטעסטירט קעגן די עוולות און אומרעכטן — ניט נאָר פון זיין אייגן פאָלק, נאָר אויך אים אַרט „נעבעך דעם רוסישן געדריקטן פויער“ — אדום! דעם נביא עמוס אַרט, וואָס מואָב האָט פאַרברענט די ביינער פון מלך אדום (אַ גרויסער שונא פון ישראל) אויף קאַלך. (עמוס ב:א). דער נביא ירמיהו נעמט זיך גאָר שטאַרק צום האַרצן, וואָס מואָב ליידט און ווערט חרוב. עס איז כדאי צו ציטירן עטלעכע פסוקים: „איך וועל צעשטערן אין מואָב, זאָגט גאָט, דעם וואָס איז מקריב אויף דער במה, און דעם וואָס רייכערט קטורת צו זיינע געטער. דערפאַר טוט מיין האַרץ ווי פלייטן ברומען אויף מואָב — פאַרוואָס די שפע איז פון זיי אונטערגעגאַנגען (ירמיהו מח, לה־לו), און מיט אַ פּאָר פסוקים פריער זאָגט דער נביא נאָך קלאָרער: „איך יאָמער אויף מואָב און אויף גאַנץ מואָב טו איך קלאָגן, אויף די איינוואוינער פון קיר־חרש מוז מען זיפצן, און מער פון דעם געוויין אויף יעזר וויין איך אויף דיר... (דאָרט, פסוקים לא, לב).

לויט דער גמרא מוז מען פּראָטעסטירן, אויב מען זעט ווי איינער באַגייט אַן עוולה. עס זיינען פאַראַן גאָר אַ סך מאמרים וועגן דעם ענין. לאָמיר ציטירן איין מאמר: „גאָט האָט געזאָגט צו אים: גיי דורך די שטאָט, גאַנץ ירושלים און דו זאָלסט מאַכן אַ צייכן אויף די שטערנס פון די מענטשן וואָס זיפצן און קרעכצן אויף אַלע אומווערדיקייטן וואָס ווערן געטאָן אין איר.“ עס מיינט, אַז דער מלאך וואָס דאַרף טייטן די זינדיקע זאָל שוינען די מיט אַ צייכן. „האָט זיך געשטעלט דער מידת הדין פאַרן רבונו של עולם און געזאָגט: פאַרוואָס זאָלן די געשוינט ווערן?“ האָט אים גאָט געענטפערט: די באַצייכנטע זיינען צדיקים, אמתע צדיקים, און יענע זיינען גאַנצע רשעים.“ האָט דער מידת הדין געטענהט: „האָבן דאָך די צדיקים געדאַרפט פּראָטעסטירן און זיי האָבן ניט פּראָטעסטירט!“ האָט דער רבונו של עולם געענטפערט: „איך ווייס דאָך, אַז זייער פּראָטעסט וואָלט ניט געהאָלפן, איז פאַרוואָס קומט זיי אַ

"שטראָף?" האָט דער מידת הדין געענטפערט: „דו גאָט ווייסט טאַקע, אַז עס וואָלט ניט געהאָלפן קיין פּראָטעסט, אָבער ווער האָט זיי דערציילט?" שטייט טאַקע אין פּסוק, אַז נאָך דעם זיינען די צדיקים אויך פאַררעכנט געוואָרן פאַר רשעים און דערפאַר האָט דערנאָך גאָט געזאָגט: „גייט דורך די שטאָט נאָך אים און הרגעט, אייער אויג זאָל ניט שוינען און איר זאָלט זיך ניט דערבאַרימען". (שבת נה, עמוד א, אויף די פּסוקים יחזקאל ט: ד־ו).

דאָס וואָס יידן האָבן זיך איינגעשטעלט פאַרן רוסישן געדריקטן פייער, דאָס וואָס זיי האָבן זיך גענומען צום האַרצן די אינטערעסן פון די שפּאַנישע לאָיאַליסטן, די ליידן פון די אונגאַרן אונטערן קנאַפּל פון דיקטאַטאָר האָרטי, איז געווען גאָר שטאַרק יידישלעך. „אָננעמען זיך פאַר אַלע געדריקטע" איז אַ יידישער געבאָט און עס איז ניטאָ פאַרוואָס צו שלאָגן זיך על־חטא.

ווען דער קאָמוניזם איז אויפגעקומען מיט זיין צוזאָג אויף וועלט־דערלייזונג, איז געווען גאַנץ נאַטירלעך, וואָס אַ גרויסער טייל פון יידישער אינטעליגענץ און גאָר אַ גרויסע צאָל פון די יידישע פאָלקסמענטשן זיינען פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער באַוועגונג. ביי זיי איז עס געווען אַ רעאַליזירונג פון דער הבטחה אויף וועלט־גאולה, וואָס זיי האָבן אַריינגעזאַפּט פון דער יוגנט אָן, דירעקט אָדער אומדירעקט, פון דער יידישער אַטמאָספערע, אין וועלכער זיי האָבן זיך אויפגעהאָדעוועט. דאָס וואָס די גויים האָבן פאַרראַטן די הבטחה פון גאולה איז דאָך ניט די שולד פון אונדזערע נאָכפאָלגער. יידישער סאָציאַליזם האָט געצויגן זיין חיונה פון די נביאישע הבטחות, ניט פון קאַרל מאַרקסן. יידישע סאָציאַליסטן און ראַדיקאַלן האָבן גענוצט די זעלביקע טערמינאָלאָגיע ווי די ניט יידישע סאָציאַליסטן, אָבער דער ייד האָט געמיינט עפּעס אַנדערש: יושר, גערעכטיקייט, שלום — ניט נאָר צווישן דעם שטאַרקן און שוואַכן, נאָר אויך יושר און גערעכטע אויפפירונג צווישן שוואַכן און שוואַכן. „איך וועל העלפן מיינע שאָף און זיי וועלן מער ניט זיין צו רויב און איך וועל משפּטן אויך צווישן אַ לאַם און אַ לאַם". (יחזקאל לד, כב).

מיר יידן, די אינטעליגענץ און דער דורכשניטלעכער ייד, דאַרפן באַנעמען און פאַרשטיין, אַז מיר זיינען אַן אויסנאַם־פאָלק. מיר האָבן באַוויזן דער וועלט, אַלע אומות פון דער ערד, אַז מיר, ווי אַ פאָלק, קאָנען אויסקומען אָן זעלנער, אָן פּאָליציי און אָן אַלע רשעותדיקע פונקציאָנערן, וואָס זיי, די „נאָרמאַלע" פעלקער מיינען מען קאָן ניט אויסקומען אָן דעם.

באמת האָבן זיי זיך געדאַרפט אָפּלערנען פון אונדז. אָבער ניט נאָר האָבן זיי זיך ניט אָפּגעלערנט פון אונדז, נאָר זיי האָבן אונדז ניט געגלייבט. זיי האָבן אויסגעטראַכט, ביין, אָנגענומען, אַז עס מוז זיין אַ געהיימע יידישע רעגירונג — „זקני ציון", אָדער עפּעס אַן אַנדער פאָרם פון אַ רעגירונג, וואָס רעגולירט אונדזער לעבן בכל קצוי עולם. דערצו האָט זיי געשטערט אונדזער אומרו; און אונדזער עצם עקזיסטענץ איז געווען אַ פּראָטעסט קעגן זייער הנהגה. האָבן זיי זיך פאַרמאָסטן אונדז צו פאַרטיליקן. זיי איז עס ניט געלונגען, האָבן זיי פאַרגרעסערט אונדזערע ליידן און אונדז איצט געצוואונגען צוליב קיום צו ווערן ווי זיי.

דאָך דאַרפן מיר ניט ווערן ווי זיי. מיר דאַרפן זיך היטן חלילה ניט באַגרענעצן זיך נאָר מיט אונדזער אייגן שטיקל ווייַנגאָרטן. מיר טאָרן ניט פאַרלירן אונדזער אומרואיקייט און ווערן גלייכגילטיק צו דער וועלט. יאָ, אַוודאי דאַרפן מיר „לנטור כרמי שלי," אָבער עס דאַרף אונדז אויך אַרן די גרויסע ניט יידישע וועלט. אויב די וועלט זאָל בלייבן ווי זי איז איצט, וועט ניט נאָר אונדזער אייגענער כרם ניט זיין פון גרויס וויכטיקייט, נאָר ער איז אין גאָר גרויסער סכנה...

* * *

נאָכבאַמערקונג : איך בין קיין מאָל ניט געווען קיין מאַרקסיסט און אַוודאי זאָט מיך דער געץ קאָמוניזם ניט פאַרלאָקט. איצטיקער זינלאָזער אויפבּרויז קעגן מענטש און מענטשלעכקייט איז מיר נאָך מער פרעמד. איך בין קיין מאָל ניט געווען קיין פּאַציפיסט אונטער אַלע תנאים, ווייל איך האַלט, ווי דער יידישער געדאַנק באַטאָנט, אַז מיט רחמנות אַליין קאָן מען ניט פירן קיין וועלט. יידישער באַנעם האַלט, אַז די וועלט קאָן נאָר עקזיסטירן *אויף דין מיט יושר*. אָן *דין* קאָן אפילו קיין *יושר* ניט זיין. אָבער דער אויפבּרויז פון אונדזער יוגנט און אינטעליגענץ קעגן אמתע עוולות פון דער וועלט, און אפילו אויסגעטראַכטע, איז אַ יידישער דרך און איז פאַרשטענדלעך. דאגהבנען נאָר פאַר זיך און אויסלאָזן די וועלט איז ניט יידישלעך און דערפאַר ניט עטיש. בעסער צו בלאָנדזשען און זיין פאַרקאָכט אין וועלכע עס איז אידעאַלן, ווי צו בלייבן גלייכגילטיק צו דער וועלט.

מיר קאָנען זיך ניט אָפּזאָגן פון דער גאַנצער וועלט. אמת מיר דאַרפן האָבן זיך אַליין אין זינען, אָבער אין דער ראָם פון דער וועלט. ווי האָט געזאָגט הלל: „אויב איך בין אַליין ניט פאַר זיך, טאָ ווער וועט זיין פאַר מיר? אָבער אויב איך בין נאָר פאַר זיך, וואָס בין איך?" (אבות א:יד).

אויב שלאָגן זיך על חטא, דאַרפן ניט אונדזערע יידן וואָס האָבן געגלייבט אין דער וועלט, נאָר די וועלט וואָס האָט אונדז אַזוי מיאוס אַנטוישט.



**ז. בונין**

# די טרער

וען גאָט האָט שוין געהאַט די וועלט באַשאַפן —
הימל, ערד, מענטש, חיה, בוים און בלום,
און אויפגעלעבט האָט אַלץ אַרום,
געווידמעט זיך, געפרוכפּערט און געמערט,
און אַלץ אין אַלעמען
זיין קיום באַשערט —
איז די טרער דערשינען
פאַרן כביכולס טראָן :
— גרויסער האַר, דו ביזט געווען
אַזוי פאַרטאָן,
און פאַרזען מיך אין לעבן
און מיר קיין תיקון ניט געגעבן !

האָט דער כביכול אויף דער טרער
רחמנות גרויס געקראָגן,
און צו דער טרער געזאָגט,
לאמר, אַזוי צו זאָגן :
— דערפאַר וואָס איך האָב דיך פאַרלעצט,
וועל איך אויפן שענסטן אָרט,
אין קרוין פון מיין באַשאַף,
אין מענטשנס אויג פון קאָפּ
דיך האָבן באַזעצט,
און יוען זיין האַרץ וועט זיין באַלאָדן שווער,
וועט אויפשיינען אין זיין אויג די טרער.

האָט די טרער פאַר גאָט זיך שטאַרק צעוויינט :
— ניין, אַלמעכטיקער באַשעפער,

יעקב שמואל טויבעס

# חסידיזם, גלותיזם, משיחיזם

„איזמען" האָבן ס'רוב מאָל אַ מאָדנעם בייגעשמאַק.

מיט אַן איזם קען מען אַ מאָל מבטל זיין, אָדער לכל הפחות מוריד זיין אַן ענין. מען גיט דערמיט אָנצוהערן, אַז דער ענין איז אַ ביסל משונה; ער איז נישט עצמדיק, נישט אין גאַנצן איינגעפונדעוועט אין דער רעאַלער וועלט.

איזמען פאַרמאָגן אין אַ סך פאַלן אַ בולטן עלעמענט פון איראָניע לגבי דער וועלט און די געשעענישן אין דער וועלט. גרויסע היסטאָרישע באַוועגונגען, וואָס מיר זיינען געוואוינט צו באַטראַכטן ווי פעסטע שטאַפּלען אין דעם געשיכטלעכן געבוי, רעליגיעזע שיטות, וואָס אַרום זיי אָטעמט עס מיט דעם אָטעם פון אייביקייט — אויף זיי קוקט דער איזם מיט אַ ווייסנדיקן שמייכל און מאַכט דערפון אַ קורצלעביקע זאַך, אַ מער אָדער ווייניקער אינטערעסאַנטן, אָבער פאַרבייגייענדיקן היסטאָרישן עפּיזאָד.

דורך דעם, וואָס מען שפּיליעט צו אַן איזם צו אַ וואָרט, פאַרלירט עס זיין פולקייט, ווערט עס אָן זיין פעסטקייט, זיין לכתחילהדיקע שפע, זיין אומבאַדינגטע גילטיקייט. עס רוט אויף אים נישט מער דער מוז פון היסטאָרישער השגחה.

איזמען פאַרהאַלטן זיך קריטיש לגבי אַבסאָלוטע אמתן, זיי גראָבן אונטער דעם בטחון אין אַבסאָלוטע ווערטן. דער עיקר אָבער שוואַכן זיי אָפּ דאָס אַחריות, וואָס די דאָזיקע אמתן וואָלטן אויף אונדז אַרויפגעלייגט, אויב מיר וואָלטן זיי געהאַלטן פאַר אַבסאָלוט, דאָס הייסט, אויב מיר וואָלטן זיי גענומען ערנסט. אַזוי אַרום צעשטערט דער איזם דעם גלויבן אין אַ בעסטן וועלט־סדר. ער איז אַ רעלאַטיוויסטישער פילאָסאָף. א י ז מ ע ן רעלאַטיווירן . . .

עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אונדזער תקופה, אַז אין איר פּרוכפּערן און מערן זיך איזמען פון כל־המינים, וואָס דאָס איז לאַו דווקא אַ סימן פון גייסטיקער גבורה. אַדרבה, וואָס מער איזמען אַ צייט פּראָדוצירט, אַלץ מער איז דאָס מרמז אויף איר גייסטיקער חולשה, איר אָרעמקייט און אומזיכערקייט.

וואָס איז שייך דעם יידישן וועלט־באַנעם שטייען יענע איזמען אין אַ פולער סתירה צו זיינע חשובסטע פּרינציפּן. מחמת יידישער גייסט איז פון סאַמע אָנהויב אָן און איבער אַלע צייטן און שטחים שטענדיק געווען דער רעפּרעזענטאַנט פונעם גלויבן אין אַבסאָלוטע אמתן. יידישקייט האָט זיינע אמתן פּראָקלאַמירט נישט בלויז ווי אַ רעליגיעזע טעאָריע, צי ווי אַ טעאָלאָגישע טעזע. יידישקייט האָט בפועל ממש געפּרואווט צו פאַרפעסטיקן דאָס פליסנדיקע, צו פאַראייביקן דאָס צייטווייליקע, צו פאַרהייליקן דאָס וואָכעדיקע. בקיצור, יידישקייט האָט געשטרעבט צו פאַראַבסאָלוטירן דאָס רעלאַטיווע. נישטאָ קיין גרעסערער שונא פון איזמען און רעלאַטיוויזמען, ווי יידישקייט.

איז, אויב יידישע שרייבערס באַנוצן זיך צופיל מיט איזמען, איז דאָס

ניט דאָס האָב איך געמיינט.
פאַרוואָס זאָל ביטער זיין אַזוי מיין גזר,
איך זאָל דערשיינען נאָר
אין דעם מענטשנס פּיין און צער?

האָט גאָט געזאָגט:
— זיין טענה וואויל איז און גערעכט.
איך וועל דיך מיט דעם אויג
אַ שותף מאַכן,
אַז סיי אין צער און סיי אין גרויס פרייד
וועט דער מענטש מיט טרערן
סיי וויינען און סיי לאַכן.

און אַזוי שוין יאָר נאָך יאָר
און דור נאָך דור,
מעג דעם מענטשנס האַרץ,
ווי גרינג זיין און ווי שווער—
באַווייזט זיך אין זיין אויג
אַ פינקלדיקע טרער.



אַ בפירושע דערווייטערונג, אַ פאַרפרעמדעכץ פונעם גייסטיקן יידישן פּרצוף־פּנים. פאַר אַ פאָלק, וואָס האָט מיט זיין שולחן־ערוך מאָראַליזירט דאָס אָנטאָן פון אַ פּאָר שיך און עטיזירט דאָס טרינקען אַ גלעזל וואַסער, פאַר אַזאַ פאָלק איז סתם נישט פאַראַנען קיין רעלאַטיוויטעט.

ווער עס פאַרמאָגט אַ חוש אין שפּראַך, וועט דעריבער תיכף דערפילן דעם פאַלשן טאָן, די לינגוויסטישע דיסאָנאַנץ, וואָס שטעקט אין דעם אָפּערירן מיט איזמען, בפרט אויב זיי זיינען נוגע די ווערטער און באַגריפן, וואָס האָבן פאַר יידן אַ גרויס חשיבות, צי וואָס זיי שטייען גאָר אין דער מדרגה פון הייליקייט.

עס וואָלט, למשל, געווען אַ בפירושע טובה פאַרן יידישן וואָרט און אַ הטבה פון זיין תוכן, אויב יידישע שרייבער און זשורנאַליסטן וואָלטן געווען אַ ביסל שפּאָרעוודיקער מיט דעם וואָרט „חסידיזם." דער דאָזיקער איזם איז, לויט אונדזערע געפילן, נישט נאָר אַ פּתיחות הכבוד פאַר דער חסידישער שיטה, ער פאַרמינערט אויך איר היסטאָרישע באַדייטונג.

די רגע וואָס איר זאָגט חסידיזם במקום חסידות — און אויסריידן רעדט מען עס נאָך אויס, חצי דייטשמעריש, פּאָלאָווינע ספרדיש: כאַסידיזם — האָט איר מיט דעם צוגעטשעפּעטן עקל דאָס חסידות אָוועקגעהרגעט. איז דערפון געוואָרן אַ זאַך פון נעכטן. איז דערפון געוואָרן אַ שיטה ווי אַלע שיטות, וואָס קומען אויף און פאַרגייען, ווערן געבוירן און שטאַרבן. איז דערפון געוואָרן אַן איזם צווישן איזמען...

פרעגט זיך, צי מעג מען זיך דאָס מתיר זיין לגבי אַ היסטאָרישער תקופה, וואָס געהער צו די גאָלדענע קאַפּיטלען פון אונדזער געשיכטע, צו די טייערסטע דימענטן אין דער יידישער קרוין. אַגב, איז די דאָזיקע תקופה נאָך ווייט נישט פאַרענדיקט. עס זיינען נאָך פאַראַנען מחנות יידן, כן ירבו, וואָס לעבן דעם חסידישן שטייגער לעבן. עס ציטערן נאָך טויזנטער, צענער טויזנטער יידישע הערצער מיט דער האָפענונג אויף אַ תחיה פון חסידות לעתיד לבוא.

אַחוץ דעם וואָלט מען אפשר געדאַרפט דערמאָנען, אַז חסידות איז איינער פון יענע פּאָזיטיווע טיילן פון יידישקייט, וואָס האָט געפונען זיין דערהויבענעם אויסדרוק אין דער מאָדערנער וועלטלעכער יידישער ליטעראַטור און וואָס איז אין אַ וועגס אויך געוואָרן דאָס שיינדל פון יענער ליטעראַטור, אין וועלכן זי שפּיגלט זיך עד היום הזה.

* * *

אַן אַנדער וואָרט פון דעם מין איז דער שוידערלעכער, גרילצנדיקער „גלותיזם." אַז דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות האָט נאָך מיט אַ סך יאָרן צוריק זיך צום ערשטן מאָל באַגעגנט מיט דעם דאָזיקן וואָרט אין די שפּאַלטן פון אַ יידישער טאָג־צייטונג, איז דאָס געווען, ווי ווען מען וואָלט אים פּלוצים געגעבן אַ פּאַטש אין פּנים אַריין. ער האָט בפירוש געפילט, אַז מיט דעם וואָרט האָט מען אים באַליידיקט, אים מבזה געווען; און נישט נאָר אים אַליין, נאָר אויך זיין גאַנצע משפּחה. מען האָט דערמיט באַליידיקט זיין טאַטע־מאַמע, פאַרשעמט זיינע זיידעס און באָבעס, אַלע די טייערע יידן און יידענעס, וואָס ער האָט נאָך אַליין געקענט.

אַגב איז יענער שרייבער געגאַנגען אַ סך ווייטער און האָט זיך פאַרמאָסטן אויף אַ סך מער. ער איז געווען אַ בפירושער שונא פון „גלותיזם." מיט זיין איזם האָט ער געהאַט בדעה מבטל צו זיין אַלע יענע יידן, וואָס קענען און ו י ל ן זיך פון זייער ירושה נישט צעשיידן און זייער מסורה נישט מקריב זיין.

צי מעג אַ יידישער שרייבער, נישט געקוקט אויף דעם, וואו ער אַליין שטייט און וואָס זיינע השקפות און זיינע פּערזענלעכע טענדענצן זאָלן נישט זיין, אַזוי האַנדלען? ליגט ווערדע און גרויסקייט דווקא נאָר אין גליק, אין היסטאָרישע תקופות פון מאַטעריעלע עשירות און וואוילטאָג? באַשטייט העלדישקייט בלויז אין קאַמף, אין קענען שיסן מיט אַ ביקס? צי איז נישט געווען מער העלדישקייט אין דעם העראָאישן סובל־זיין די אַלע אומבאַשרייבלעכע יסורים, וואָס מען האָט

גענומען אויף זיך פריוויליק, ווייל מען איז אַ ייד און מען וויל בלייבן אַ ייד? צי מעג מען דעם טראַגישן גורל פונעם גלות־ייד באַטראַכטן און באַצייכענען ווי עפּעס אַ קרענק, אַ צרעת, חלילה, אויפן קערפּער פונעם יידישן פאָלק? און צי איז עס נישט קינדישע נאַאיוויטעט צו וועלן איגנאָרירן און אפילו נעגירן די רעאַליטעט פון היסטאָרישע פאַקטן? צו וועלן אויסמעקן מיט אַ שם־גנאי דאָס געשריפט, וואָס די געטלעכע האַנט האָט אָנגעשריבן, וואָס דער גריפל פון דער געשיכטע האָט איינגעקריצט אין דעם טאָוול פון דער וועלט, רק מחמת דעם, וואָס עס איז איינעם אַ שרייבער נישט צום האַרצן?

ביי דעם גלייכן מחבר האָב איך געפונען נאָך אַ בלימעלע, האָב איך געפונען אַן אַנטיקל, דאָס גאָר באַטעמטע וואָרט „אַנטי־גלותיזם.“ איך בין מיר משער, אַז טאַקע פון אים, פון דער שנאה צום גלות זיינען געבוירן געוואָרן די משונהדיקע אויסדרוקן, וואָס זיינען זיכער נישט צום כבוד פון דעם יידישן פאָלק.

* * *

מען דאַרף נישט זיין קיין מפונק מיט אַ באַזונדערן חוש פאַר לשון, מען זאָל זיך נישט תיכף כאַפּן ביי דער פוסטער פּאַפּירענער אידיאָמאַטיק, וואָס האָט פּראָדוצירט דאָס וואָרט „משיחיזם“. מען הערט ממש ווי עס צאַפּלט זיך דאָס פּאַפּיר אונטער דער פען פון יענעם שרייבער, וואָס ער לעבט, ווייזט אויס, אין אַ פּאַפּירענער וועלט, ווייט און אָפּגעטיילט פון די חלומות, האָפענונגען און הייליקייטן פון זיין או ה.

ווי אַנדערש זאָל מען זיך דאָס מסביר זיין, אַז אַ יידישער שרייבער דערוועגט זיך צו פאַרקנייטשן אַזאַ קלאָר, אַזאַ ליכטיק, אַזאַ שטראַלנדיק וואָרט ווי עס איז דאָס יידישע וואָרט : משיח ?

אגב, ווערט דער דאָזיקער שפּראַכלעכער חטא נישט באַגאַנגען בלויז פון יענעם מין יידישע אינטעלעקטואַלן, וואָס האָבן זיך דערווייטערט פונעם היימישן, יידישן וואָרט; ער ווערט נישט בלויז באַגאַנגען פון דעם מין טעאָרעטיקער, וואָס באַוועגן זיך אין אַ וועלט פון ריין אַבסטראַקטע באַגריפן. לײדער קען מען דעם טערמין אויך אָנטרעפן אין אַ סך מאמרים פון געוויסע שרייבנדיקע רבנים אונדזערע, וואָס דאָס איז באמת שווער צו פאַרשטיין.

ווי עס זאָל נישט זיין, איז דער אופן, אויף וועלכן מען האָט פאַרביליקט דאָס דאָזיקע וואָרט, איז די ניכטערקייט, די טרוקענע זאַכלעכקייט דערביי פאַר יידישע מענטשן ממש אַ חילול־השם.

דאָס יידישע פאָלק איז פון תמיד אָן זייער שטאַרק מקפיד אויף ווערטער, בפרט אויב זיי זיינען נוגע יידישע הייליקייטן. אין געוויסע ווערטער, למשל, האָט מען בכיוון משנה געווען אַן אות; אַנדערע זאָגט מען אַרויס רק בלשון סגי־נהור. פאַר אַנדערע ווערטער ווידער גייט דער יראת־הכבוד אַזוי ווייט, אַז מען היט זיך זיי צו ברענגען איבער די ליפּן. נו, און א י י ן וואָרט האָט מען גאָר אין גאַנצן פאַרשוויגן.

און דאָ נעמט מען אַ וואָרט, וואָס אין אים לעבן און וועבן זיך די העכסטע השגות און די לעצטע בענקשאַפטן פונעם יידישן פאָלק און מען מאַכט דערפון דברי־חול, מען מאַכט דערפון אַ וואָכעדיקן ענין. מען נעמט אַ געשטאַלט, וואָס גליט און גלאַנצט אין יידישע געמיטער מיט גאַנצע שטראָמען ליכט און — מען לעשט דאָס ליכט אויס. מיט דעם פרעמדאַרטיקן צוטשעפעניש איז מען מוריד דעם מלך המשיח, וואָס איז געווען און געבליבן פאַר אַ גאַנץ פאָלק די נחמה אין זיין נויט, די טרייסטונג אין זיין טרויער, די טייערע הבטחה אויף אַ געטלעכער גאולה...

* * *

איז אפשר וואָלטן יידישע שרייבער געקענט ביי זיך פועלן און מוחל זיין אויף דעם מין „משיחיזם“? אפשר וואָלטן זיי געפונען אַ פשוטערן סינאָנים פאַר דעם? אפשר וואָלט מען גיכער אַריינגעדרונגען אין די הערצער פון יידישע לייענער, אויב זיי זאָלן לייענען, למשל, מכוח דעם „גלויבן אין משיח“, אָן קיין שום איזמען...

פאַר דעם וואָלטן מיר די שרייבער האַרציק אָפּגעדאַנקט און זיי גערן מתיר געווען „קאַפּיטאַליזם“ און „קאָמוניזם“ און „לעפּטיזם“ און „עקסטרעמיזם“ און נאָך אַ צוויי טוץ איזמען דערצו...



פינטשע בערמאַן

# צ וו יי ל י ד ע ר

## עס האָבן קיין צאַמען די שטערן

עס האָבן קיין צאַמען די שטערן,
עס הענגט ניט קיין שלאָס אין דער לופט,
און פריי איז פון בענקשאַפט די טרערן
און פריי איז פון בלומען די דופט...

און הייבט אַ מאָל האַרץ אָן צו נאָגן,
און טריט ווערן שווערער פון בליי —
הער זיך איין צום קאָנצערט אין פאַרטאָגן,
וואָס פייגעלעך גיבן דיר פריי.

עס האָבן קיין טירן די זונען,
עס האָט ניט קיין טויער אַ שטראַל,
און פריי ווערט דאָס לעבן געשפונען,
און פריי אין געמיט איז די גאַל...

און מאַטערט די אומרו אָן אויפהער,
און פייניקט די עלנט אָן סוף —
הער זיך איין צו דעם שאַלן פון שופר,
פון פאַסטעך פון לעמער און שאָף...

פריי איז די רו אין די טאָלן,
פריי איז דער טוי אין באַגין,
און פריי טוען שאָטנס דאָרט מאָלן
בילדער פון שלאַנג און פון בין...

און מעג וווער אַ שטריק ערגעץ וועבן,
און פאַרגראַטעוועט פענצטער און טיר—
פרייער פון פריי איז דאָס לעבן,
געשאַפן פאַר מיר און פאַר דיר...

# א י ן ש וו ע ר ע מ י נ ו ט ן

געווען איז מיין ליד מיר אַ פריינד,
אַ ליבער, אַ טייערער גאַסט —
היינט איז מיין ליד מיר אַ פיינד,
היינט איז מיין ליד מיר אַ לאַסט.

פלעגט ברענגען פון טרייסט מיר אַ שטראַל,
פלעגט ברענגען מיר פריידן אַ סך—
היינט איז מיין פעלד אָן אַ קוואַל,
היינט איז מיין הויז אָן אַ דאַך.

געווען איז מיין ליד מיין באַגער,
ווי פאַרטאָג דאָס געזאַנג פון אַ קינד—
היינט ברענגט מיין ליד מיר אַ טרער,
היינט וויינט אין קוימען דער ווינט.

ס'פלעגט ברענען דאָס וואָרט אויף מיין צונג,
און העלן מיין האַרץ און געמיט —
היינט לעשט זיך אין וויכער דער פונק,
היינט צאַנקט און עס שמעלצט זיך מיין ליד.

יאַנקל פרידמאַן

# די הכשרה

## (רייזע איינדרוקן פון ישראל)

נחום, דער 23 יאָריקער זון פון מיין היימישן חבר פ., זוכט מיך צו איבערצייגן אַז תל־אביב, מיט איר טאַראַראַם, האַנדל און וואַנדל, איז ניט ישראל. נחום איז סעקרעטאַר אין אַ קיבוץ, און הגם אַ סאַבראַ, רעדט ער אַ זאַפטיקן יידיש. דאָס האָט געהאָלפן אַז מיר זאָלן זיך קענען אַדורכשמועסן און זיינען געוואָרן גוטע פריינט.

— מאָרגן — זאָגט נחום — קומט אַ לאַסט־אויטאָ פון קיבוץ נאָך 37 חברים, זיי נעמען אויף הכשרה, איז אויב איך וויל קאָן איך מיטפאָרן.

צומאָרגנס פאַרפרי איז ביי זיין פאָטערס הויז, אויף רחוב בן־נון, אין תל־אביב, שוין געשטאַנען אַ היפשלעך גרויסער לאַסט־אויטאָ פון זיין קיבוץ „משגב עם.“ דער שאָפער, אַ יונגער קיבוצניק, אַ בחור אַ דעמב, איז אַ געבוירענער אין חיפה. ער רעדט ניט שלעכט ענגליש, האָט ער זיך גאָר דערפרייט אין דער געזעלשאַפט פון אַן אַמעריקאַנעם טוריסט. זיינען מיר זאַלבעדריט געזעסן אין דער פאָדערשטער קאַבינע און זיך געלאָזט אויפן וועג קיין כפר ירק אויפצונעמען די חברה . כפר ירק (דאָס גרינע דאָרף) ליגט אַרום 10 קילאָמעטער פון תל־אביב. ס'איז אַן אַגריקולטור־שול מיט אַרום 500 סטודענטן — מיידלעך און בחורים. פיר שעה אַ טאָג אַרבעטן זיי אין פעלד, די אַנדערע פיר שעה לערנט מען אין די קלאַס־צימערן. 37 פון זיי גראַדואירן דעם זמן און גרייטן זיך פאַר מיליטער דינסט. האָבן זיי שוין באַשטימט, אַז ווען זיי וועלן ווערן פריי פון מיליטער, וועלן זיי זיך אָנשליסן אין קיבוץ משגב עם. וואָס דאָס מיינט אין דעם פאַל דער שפיץ פון לאַנד אָדער די פעסטונג פון פאָלק. היינט, פרייטאג, פאָרן זיי אין קיבוץ צו דער איינשווערונג.

פאַרוואָס האָבן זיי גראַד אויסגעקליבן משגב עם? גיט אויף דעם נחום אַ פשוטע דערקלערונג: מחמת עס געפינט זיך ביים שפיץ פון לאַנד, אַרום צוויי טויזנט פוס הויך, אין אויבערשטן גליל. דער וועג אַהין איז לאַנג און שווער, דערפאַר אָבער, ווען מען איז שוין אין קיבוץ, ליגט די פראַכט פון לאַנד פאַר דיינע אויגן. די גראַדואַנטן פון דער אַגראַר שול האָבן וועגן דעם געוואוסט, און אָט די צוויי מאָמענטן, די שווערקייט און די שיינקייט, מיינט נחום, האָט באַווירקט זייער אָפשטימונג.

דאָס „גרינע דאָרף“ זעט אויס געטריי צו זיין נאָמען: וואו נאָר דאָס אויג פאַלט זיינען גרינע, יונגע ביימעלעך. די ערד איז צעאַקערט אין ריינע, אויסגעפלעווטע בייטן. פולע, גרינע קוסטעס ציען זיך אויף די וועגן אין דאָרף אַריין. אין מיטן שטייען רויטלעך געמויערטע הייזער, איז ריין אַרום זיי און ציכטיק. אויפגערוימט איז אויך אינעווייניק אין די הייזער. די תלמידים זיינען סאַבראַס און אויך יוגנטלעכע פון ארבע פינות העולם. חברה האָט שוין געוואַרט אויף אונדז; מיט זייערע פעקלעך האָבן זיי פאַרנומען דעם אויבערשטן דעק פון אויטאָ. אַ בלאָנדער בחור האָט פאַרצויגן אַן אַקאָרדיאָן, חברה האָט זיך צעזונגען און מיר האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אויפן וועג קיין חיפה.

דער כביש (שאָסיי) קיין חיפה איז פון די בעסערע וועגן אין לאַנד; נאָר די באַוועגונג אויף אים וואַקסט און ס'ווערט ענגער פון טאָג צו טאָג. דו זעסט באַלד יידן אויף טראַקטאָרס און קאַטערפילאַרס, וועלכע רייסן מיט כוח די פאַרזונקענע שטיינער פון די זייטיקע, זאַמדיקע ברעגעס און וועגן. אויף איין אָרט שטייט אַ ייד מיט אַ באָרד און גיסט סמאָלע ; הינטער אים רודערט פאַמעלעך אַ מאַשין, וואָס גלייכט אויס און פאַרגלעט די שוואַרצע, רויכיקע מאַטעריע.

דער כביש איז פול מיט רעשיקער באַוועגונג: מאָטאָריזירטע וועגענער יאָגן און פרואוון איבעריאָגן איינס ס'אַנדערע; לוסטיק געזאַנג פון אונדזער חברה פאַרהילכט דעם אַרום. נאָר אין דער זייט טרייבט פאַמעלעך אַ תימנער ייד, מיט אַ קליין, שוואַרץ בערדל און געקרייזלטע פאות, אַן אייזעלע מיט אַ לייכטן וואָגן. ער האַלט די לייצעס און איך באַמערק אַז ער שעפטשעט, זאָגט אַוודאי אַ קאַפיטל תהילים, טראַכט איך, און אפשר רעדט ער צו זיך: ברוך השם ! איך פאָר אויף ערד וואָס איז הייליק. אברהם אָבינו האָט דאָך דאָ אַמאָל געטראָטן; דאַרף מען גיין געלאַסן, מיט יראה...



דער וועג ציט זיך פאַזע דעם בלויען ים התיכון (מיטל־לענדישער ים). און אָט איז נתניה, דאָס באַקאַנטע שטעטל פון קולטור און אַרבעט — איצט דער צענטער פון דער דימענט־שלייפעריי אין לאַנד, אַן אַרטיקל פון אָנגעזעענעם ישראלדיקן עקספּאָרט. דערנאָך קומט חדרה, אַן אָרט פון דער פאַפיר אינדוסטריע. באַלד זעט מען אויף לאַנגע שטחים לאַנד ציטרוס־גערטנער — פרדסים. די גרויסע מאַראַנצן זיינען שוין אַראָפּגענומען געוואָרן; איצט וואַקסן בלויז די קליינע וואַלענציא מאַראַנצן. שיינען זיי אין די זון־שטראַלן און ציטערן, ווי זיי וואָלטן געזאָגט: נו, מיר זיינען טאַקע קליינע, נאָר אונדזער זיסער טעם קאָן זיך ניט פאַרשעמען אַנטקעגן די גרויסע באַלעבאַטישע מאַראַנצן. אַדרבא, פאַרזוכט אונדז...

אויף אַ פעלד שלעפּט אַ פערד אַן אַקער, אַ ייד האַלט די לייצעס און אַ מיידל זייט קערנער אין די גלייכע בייטן. נחום מאַכט דערביי אַ דערקלערונג: „אין זאַמדיקן באָדן איז אַן אַלטמאָדישער אַקער אַמאָל בעסער ווי אַ טראַקטאָר, וואָס גראָבט צו טיף.“ ס'ווייזן זיך באַנאַנע־גערטנער, דיקע, נידעריקע, פעסטע באַנאַנע שטאַנגען אַרומגערינגלט מיט הויכע עקאַליפּטוס־ביימער, כדי זיי צו באַשיצן פון זאַמדיקן ווינט. „די אַראַבער,“ זאָגט נחום, „רופן דעם עקאַליפּטוס, דער יידישער בוים, ווייל די ערשטע חלוצים האָבן דעם עקאַליפּטוס־בוים אַהער געבראַכט פון אויסטראַליע, מיט אַכציק יאָר צוריק, כדי מיט זיי אויסצוטריקענען די זומפּן.

קיין ווינטרויבן זעט מען נאָך ניט, אָבער די טרויבן־שטענגלעך, אין די טויזנטער, שטייען אָנגעברייט, פאַרטיק זיך אָנצוקליידן מיט מיליאָנען בינטלעך ווייַנטרויבן. מיר דאַכט, איך בין אין קאַליפאָרניע. רעד איך שטיל צו נחומען: „אַרום אָנטאַריאָ, קאַליפאָרניע, שטייט אויפן וועג אַ גרויסע שילד: גרעיפּ־לענד קאָנטרי, פּאַסט זיך עס אַזוי גוט אַהערצו.“

אין מיטן זאַמדיקן באָדן גלאַנצן אין דער זון פיש־אָזערעס. פון דער ווייטנס ווייזן זיך שוין קאָנטורן פון די כרמל־בערג. ניין, ס'איז ניט אָנטאַריאָ, ס'איז ישראל. ווייל קיין כרמל־בערג האָט אפילו דאָס שיינע קאַליפאָרניע ניט. עס זעט אויס, אַז נחום לייענט מיינע מחשבות. ער קוקט אויף מיינע אויפגעפראַלטע אויגן. „כ'האָב אייך געזאָגט,“ רעדט ער צו מיר מיט אַ ווייכן טאָן, אַז „תל־אביב איז ניט ישראל.“ „יאָ, נחום,“ זאָג איך, „דו אַליין, זעט אויס, ביזט אויך דאָ מער אין דער היים, ווי אין תל־אביב.“

מיר דערגרייכן חיפה, די האַפן־שטאָט, דעם מקום פון אַרבעט און אינדוסטרי. די רויכיקע קוימענס פון דער ווייטנס דערמאָנען מיר גערי, אינדיאַנאַ. אויף דער ערשטער מאַי דעמאָנסטראַציע אין תל־אביב האָט מען געטראָגן אַ פלאַקאַט מיט אַן אויפשריפט, וואָס איז מיר אַריין אין די ביינער: „יחי האדם העובד והיוצר!“ — „זאָל לעבן דער מענטש וואָס אַרבעט און שאַפט,“ האָט זיך געלייענט די אויפשריפט.

דאָס איז חיפה, די שטאָט וואָס פראָדוצירט: צעמענט, גלאָז, טעקסטיל, ראַפינירטן אויל און נאָך און נאָך. דאָס אַליץ איז אונטן, אַרום די ברעגעס פון מיטללענדישן ים ; אויבן, אויף די כרמל־בערג, שטייען שערענגעס ליכטיקע הייזער. אַנדערע זעען אויס ווי ווילעס, מיט גרינע באַלקאָנען, וועלכע קוקן אַראָפּ צום ים. אַרבעטער פון די חיפהר פאַבריקן קאָנען זיך, זאָגט מען, אַרויפצו ניט דערשלאָגן איבערן יקרות אויף דירות און דירה־געלט. נאָר די פופציק טויזנט מאַרשירנדיקע, יידישע אַרבעטער, פויערים, פישערלייט און סטודענטן אין תל־אביב האָבן דאָך געבענטשט דעם עובד ויוצר, דעם רוב מנין פון דער צווייטער לאַנדשטאָט, חיפה, און אַ ברכה, וואָס קומט אַרויס פון

אַ הערלעך האַרץ ווערט סוף כל סוף מקוים, שטייט ערגעץ געשריבן.

אונטן, אַרום די כרמל בערג זעען זיך עפּענונגען, ווי אַריינגענג אין ריזיקע קעלערס. דאָס זיינען אליהו הנביאס היילן, שמייכלט נחום.

מיר זיינען אָנגעקומען קיין עכו, די אַלטע, היסטאָרישע שטאָט עכו, וואָס שטייט האַרט ביים ים. ס'שטייט נאָך די געמויערטע וואַנט אַרום דער שטאָט. עס זעען זיך טורעמס, היילן און פינצטערע קעלער דורכגענג, אַלץ געבויט פון די קרייץ־ציגלער, מיט אַרום טויזנט יאָר צוריק. צוויי הונדערט יאָר האָבן זיי דאָ געמאַרודעוועט, די פרומע קריסטלעכע רוצחים מאַראַדאָרן. ווי הינט האָט מען זיי לסוף פאַרטריבן פון דאַנען.

שטייען מיר אַזוי מיט אונדזער זעלטענעם קיבוצניק, דעם שאָפער, וועלכער קען דאָ יעדער ווינקעלע און ווייסט יעדער געשעעניש, וואָס איז פאָרגעקומען אין די דאָזיקע מקומות. מיר באַטראַכטן די עפּענונגען אין דער פעסטונג־וואַנט דורך וואַנען די אַראַבער האָבן אַמאָל געצילט זייערע פיילן אויף נאַפּאָלעאָנס ים אַרמאַדע און ניט דערלאָזט אים איינצונעמען די שטאָט. פּלוצלינג דערפיל איך, ווי עמיצער ציט מיך ביים אַרבל. איך קוק זיך אום, אַ קליין ייִנגעלע האַלט אויסגעשטרעקט די האַנט: „תן לי כסף, אדוני,“ זאָגט ער. „פאַרוואָס קומט דיר כסף?“ פרעג איך אים אויף מיין יידישן עברית. „אני שמרתי,“ ווייזט ער אָן אויפן לאַסט־אויטאָ מיט דער פריילעכער חברה. ער האָט אָפּגעהיט דעם לאַסט־אויטאָ, הייסט עס, ווען מיר זיינען ניט געווען. פאַר אַזאַ ענטפער האָט ער זיך אַוודאי פאַרדינט אַביסל כסף...

ניט נאָר אַמאָל האָט די שטאָט עכו געמאַכט געשיכטע. אין דער געוועזענער ענגלישער עכו־פעסטונג שטייט נאָך, ווי אַ בלוטיקער זכר, די תליה אויף וועלכער די ענגלענדער האָבן אויפגעהאָנגען עלף הגנה מיטגלידער. אמת, די יידישע קעמפער פאַר אומאָפּהענגיקייט האָבן אָפּגעצאָלט די ענגלישע מאַראָדערן; זיי האָבן אויפגעריסן צוזאַמען מיטן אייגענעם לעבן די פעסטונג און געוויזן ווי יידן קאָנען קעמפן פאַר זעלבסטשטענדיקייט. היינט געפינט זיך אין דער טרויעריק באַרימטער עכו־פעסטונג אַ סאַנאַטאָריום, און ס'איז שטיל, זייער שטיל אינעווייניק.

דער שאָסיי פון עכו קיין משגב־עם האָבן נאָך די טערקן געבויט. איז ער שמאָל, צעבראָכן און קרישלט זיך. דער וועג גייט כסדר באַרג אַרויף. ער איז משופעדיק און מען פאָרט ווי אויף משקלות. „טוריסטן פאָרן דורך דאַנען ניט,“ זאָגט נחום, „נאָר אונדזערע קיבוצניקעס פאָרן גראָד דאָ אַרום.“ אונדזער גרויער לאַסט־אויטאָ קלעטערט ממש אַכט ביז צען מייל אַ שעה. און אויף יעדן שפּאַן אַן אויפשריפט מיט אָנזעעוודיקער, רויטער שריפט: גבול לפניך, גבול לפניך! דאָ איז די גרענעץ, גיב אַכטונג!

די סירישע גרענעץ איז אַ ביסל אָפּגערוקט פון ווייטן; נאָר די לבנון גרענעץ איז אָט מיט דער האַנט צו דערלאַנגען. אָט דאָ, ביי דעם ווייסן שטיין, איז אויס ישראל.

אונטן, פון אונדזער רעכטער זייט איז אויסגעשפּרייט אַ גרינער, פרוכטבאַרער טאָל, וואָס לאַשטשעט דאָס אויג. „צו וועמען געהערט עס דער טאָל?“ פרעג איך. „שלנו“, ענטפערט אויף דעם דער שאָפער, אַ פריילעכער. „מיר האָבן אויסגעטרוקנט די זומפּן, איצט איז עס אונדזער ,ברעד־בעסקעט‘,“ פאַרטייטשט ער מיר אויף ענגליש.

פון אונדזער הייכקייט, וואו מיר געפינען זיך, זעט אין עמק אַלץ אויס ווי פינטעלעך, נאָר דו ווייסט אַז ס'איז פול מיט לעבן און מי דאָרט אין די צוואָרפענע, קליינע פונקטן אינעם עמק. די זייטן פון דעם שאָסיי זיינען באַריקאַדירט מיט הויפנס שטיינער, כדי דאָס רעגן־וואַסער זאָל קיין ערד ניט אַרונטערשווענקען. פּלוצלינג פאַרקערעוועט דער שאָפער דעם אויטאָ און בלייבט שטיין: „לוק“, רעדט ער צו מיר, אָט דאָרט אויבן איז צפת. אַ ביסעלע נידעריקער — טבריה. אויף לינקס, דאָ, איז דער כנרת. און יענער ווייטער, בלויער וואַסער אָפּשיין— איז דער מיטללענדישער ים. ס'איז דאָס



איינציקע אָרט אין ישראל פון וואַנען מען זעט ביידע ימען מיט אַ מאָל — דערציילט ער מיר. כ'האָב מער ניט געקאָנט וואָס זאָגן, כ'האָב מער ניט געקאָנט עפּעס פרעגן. ס'האָט מיר אויסגעדוכט אַז ס'ווערט מיר קלאָר פאַרוואָס פעלקער האָבן תמיד מלחמות געפירט פאַר דעם דאָזיקן פאַס, פאַר דעם דאָזיקן געגנט. פאַרוואָס גראָד פון דאַנען האָבן אַזוי פיל מיסטישע לעגענדעס זיך אָנגעהויבן וועבן? ס'האָט בלויז געפעלט, הערט איר, מלאָכים זאָלן דאָ אַרומשוועבן און זינגען שירה צו דער שיינקייט, צו דער פּראַכט, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט פאַרן אויג.

ס'האָט אויסגעזען אַז די זון האָט זיך ניט געקאָנט דערוואַרטן אויף אונדזער אָנקומען אין קיבוץ, האָט זי אָנגעהויבן פאַרלאָזן די געגנט, דעם אַרום. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן ווי זי פאַרהאַלט זיך אַ ווייל — מסתמא זיך צו געזעגענען מיטן הויכן באַרג חרמון. דערנאָך האָט זי מיט איר צונטער־פייערדיקער קרוין זיך אונטערגעטונקען אין ים התיכון, אַוודאי זיך אָפּצוטובלען ערב שבת.

ס'איז שוין געווען היפּשלעך טונקל, ווען מיר זיינען ענדלעך, מיט גרויס טאַראַראַם אָנגעקומען אין קיבוץ. חברה איז געלאָפן זיך אַרומוואַשן. איך האָב באַטראַכט נחומס צימער: אַ בעטל, אַ טישל, אַ ראַדיאָ, אַ שראַנק פאַר קליידער און אַ פּאָליצע מיט ביכער— צווישן זיי אויך יידישע ביכער. די לופט אין דרויסן — קיל און לויטער, אַזוי ווי אויף אַ באַרג אויפן שפּיץ פון לאַנד, איבער צוויי טויזנט פוס די הויך, אין משגב עם.

אַ ביסל שפּעטער האָט מען גערופן דעם עולם אין חדר האוכל — עס־צימער. די לאַנגע, הילצערנע טישן זיינען פול געווען מיט פרישע, דאָרפישע מאכלים. יונגע , פאַרברוינטע סאַרווערינס האָבן אויף וועגעלעך געבראַכט נאָך און נאָך שפּייז. מיין סאַרווערקע איז גראָד געוועזן אַ בלאָנד קריסטלעך מיידל פון סקאָטלאַנד. האָבן מיר זיך צערעדט און זי האָט מיר אויף איר היימישן, סקאָטישן אַקצענט דערציילט, אַז זי איז שוין צוויי חדשים דאָ אין קיבוץ, זי אַרבעט צוזאַמען מיט אַלע און ס'געפעלט איר זייער. „איטס סאָמטהינג דיפערענט.“ ביי די טישן — יונגע מענטשן, משפחות זיצן און עסן; שמועסן געמיטלעך. ס'קליינוואַרג, זעט מען רייסט זיך באַהילפיק צו זיין אַרונטערצונעמען פון די טישן. נאָכן עסן רופט מען דעם עולם אין דרויסן אַרויס, כדי בייצואוואוינען די צערעמאָניע פון דער הכשרה.

דער דרויסן איז קיל און שטאָק־פינצטער. ערגעץ אין אַ שטאַל מעקעט אַ בהמה, וואָס קאָן מסתם ניט איינשלאָפן. דערפאַר איז דער הימל ווי אַ באַלויכטענער וויינגאָרטן. ס'האָט אויסגעזען ווי די שטערן פון אַלע וועלטן וואָלטן זיך דאָ צונויפגעזאַמלט. ביים נאָענטן ראַנד פון טיפן הימל זעט זיך אַ ווייסער פלעק, דאָס איז שניי אויפן הר חרמון, דערקלערט מיר נחום. די לבנה איבערן קיבוץ — אַ בלאַסע, אָבער אַ פולע, האָט זיך פון אָרט ניט גערירט, ווי זי וואָלט אויף עפּעס וואָס געוואַרט. פייערלעך זיינען אויסגעשטעלט אין אַ רינג. פון איין זייט די גראַדואַנטן און די פירער פון קיבוץ. אַנטקעגן זיי— מיר, דאָס פאָלק.

אַ חבר רעדט וועגן דעם באַטייט פון דער דאָזיקער געלעגנהייט. ס'האָט זיך דערהערט אַ געזאַנג, אַזאַ מין געזאַנג וואָס האָט אַרויסגערופן אין מיר אַן אינערלעכן ציטער: ס'איז געווען דער „אינטערנאַציאָנאַל“ געזונגען אין עברית. מיטן זעלבן ניגון און ריטם ווי איך האָב אים געהערט זינגען אין די יוגנט־יאָרן אויף די ערשטע מאַי דעמאָנסטראַציעס. אין וואַרשע און אין שעדליץ; נאָכדעם — די התקוה. איינער פון דער חברה האָט דעקלאַמירט. די איבעריקע האָבן אָפּגעענטפערט. דערנאָך האָבן אַלע זיבן און דרייסיק גראַדואַנטן דעקלאַמירט בציבור, וואָס האָט אין מיינע אויערן געקלונגען ווי אַ שבועה. באַלד דערויף האָבן פּילקאָלירנדיקע פייערווערק זיך צעשפּריצט מיט אַ פריילעכער הושעריי. פון הימל זיינען אָנגעפלויגן פייערפאַלנדיקע שטערן און זיך באַהאַפּטן מיטן שפּרינגענדיקן פייערווערק. דאָס פּנים פון דער לבנה, האָט מען געזען, איז שוין מער ניט געווען בלאַס, נאָר רויט און

שמייכלענדיק. ס'האָט זיך אויסגעדוכט אַז זי רעדט צו אונדז: „נו, חברים טייערע, אַליין אַרונטערקומען, ווייסט איר, איז מיר שווער. האָב איך געשיקט שטאַפעטן צו באַגריסן אייך צו אייער שמחה. שלום, חברים, שלום!" און זי איז אָפּגעשוואומען אַהינטער אַ בלוי דורכזיכטיק וואָלקנדל מיטן אויסזען פון אַ כלהס שטערן־טיכל, וואָס איז אָנגעקומען פון איבערן כנרת.

צוריק אין חדר האוכל. דער קיבוץ־כאָר האָט געזונגען; דער בלאָנדער בחור האָט ווידער פאַרצויגן זיין אַקאָרדיאָן און וואו נאָר אַ יידיש פריילעכס און תימנער ניגון איז אַרויסגעקומען פון זיינע פלינקע פינגער. חברה האָט זיך צעטאַנצט און דער דיל האָט געברענט פון די האָראַס און התלהבותדיקע ריקודימלעך. אַרום מיר איז געזעסן טייל פון דער חברה און אויף זייער ביסל ענגליש זיך אויסגעטענהט וועגן שלום אויף דער וועלט, שלום אין לאַנד; פאַרוואָס קומט ניט די יוגנט פון אַמעריקע קיין ישראל? און פאַרוואָס קומען פאָר ביי „אייך" אַזוינע זאַכן אין דער „סאַוט"! מיר האָבן זיך פאַרשטאַנען און זיך ליב געקראָגן. איך זאָל נאָר קומען זיי באַזוכן אין „גרינעם" דאָרף.

עמיצער האָט שוין געקאָרמעט די עופות אין קיבוץ. ווען כ'האָב זיך צוגעשפאַרט אויף נחומס בעטל, וואָס ער האָט מיר אָפּגעטראָטן, און געפרוואוט איינשלאָפן.

צומאָרגנס האָב איך אַרומגעשפּאַנט אין משגב־עם. די הייזער — אַלטע, גרינע מויערן מיט דיקע ווענט, ווי מען וואָלט זיך באַדאַרפט פאַר וועמען באַפעסטיקן. דער קיבוץ איז אַ יונגער, בלויז צען יאָר אַלט, און אַכציק חברים באַוואוינען אים. איין און צוואַנציק עופהלעך ווערן געהיט און דערצויגן אין אַ זיבעצער „נורסערי." און נחום זאָגט, אַז ס'קומט פאָר אַ געוועט צווישן די יונגערע און עלטערע חברות, ווער עס קאָן זיין אַ בעסערע מאַמע צום קליינוואַרג. דער קיבוץ פאַרמאָגט 160 קי און צען טויזנט עופות, נאָר זיי באַרימען זיך באַזונדערס מיט זייערע עפל: „די שענסטע עפל אין לאַנד," האַלטן זיי אין איין דערמאָנען.

לעבן אַ גרויסער שאַפע הער איך כסדר דאָס בראַזגען פון אַ מאָטאָר, קום איך אַהינצו אַריין, שטייט אַ יונגערמאַן מיט אַ פאַרמעליקט פנים, באַגריסט ער מיך: שלום, שלום! אַ שאלה אַ ביסל, אַוודאי רעדט ער יידיש. ער איז אַ וואַרשעווער: „יאַך בין אַ מילנער," זאָגט ער און ער ווייזט מיר די זעק מיט קאָרן, טייל פון אַמעריקע, טייל פון אייגענעם פעלד. מיש איך זיי צוזאַמען מיט כעמיקאַלן, שיט זיי אַריין אין דער מיל. דער מאָטאָר דרייט און ס'קומט אַרויס שפייז פאַר די בהמות, פאַר די עופות. איז פאַראַן מילך, איז פאַראַן אייער און פלייש און ס'איז גוט — רעדט ער צו מיר און ס'שמייכלט זיין סימפאַטיש פאַרמעליקט פנים.

מיט אַ יאָר צוריק, דערציילט ער מיר, האָט מען זיי באַגנבעט די שעפסן־שטאַל. עטלעכע הונדערט שעפסן האָבן „גוטע שכנים" פון זיי צוגעלקחנט. שטייט די שעפסן־שטאַל איצט אַ ליידיקע, אַ פאַריתומטע. די גרענעץ מיט לבנון איז בלויז אַרום הונדערט פוס פון קיבוץ. ווען ס'איז שטיל הערט מען ריידן אין לבנונשן דאָרף, וואָס ליגט אין דער נידער פון משגב־עם. נאָר אויף דער דאָזיקער גרענעץ איז געווינלעך שטיל. ערגער איז אויף דער סירישער זייט, וואָס געפינט זיך אויבן...

„בלייבט נאָך אַ ביסל מיט אונדז," בעט מיך אַ סאַרווער מיט בלאָנדע וואָנצעס אין עס־צימער. ער האָט שטאַרק האָלט צו הערן ריידן יידיש, זעט אויס, און מיטזינגען אַ פאָלקסליד האָט ער אויך ליב. „נאָר, אויב איר קאָנט ניט, איז פאָרט געזונט."

שלום, שלום, חברים.



אַריה פאַזי

# די שליחות פון קונסט

(תמציות פון אַן איינלייטונג צו אַ סימפאָזיום געהאַלטן ביים יידישן פ.ע.נ. קלוב אין לאָס אַנגעלעס)

דאָס יידישע פאָלק האָט אַ קיום נאָר אינעם זכות פון ספר. ווען מיר זיינען ניט אַן עם הספר זינט דור דורות, זינט, לאָמיר זאָגן, דעם חורבן פונעם ערשטן בית המקדש, וואָלטן מיר פונקט אַזוי אומגעקומען ווי אַ פאָלק, ווי עס זיינען אומגעקומען די בבלים, די אַלט־גריכן, די רוימער און אַ סך אַנדערע פעלקער, וואָס האָבן בשעתם געהאַט אַ קיום און שפעטער איז פון זיי קיין שפור ניט פאַרבליבן.

קיין זאַך האָט ניט געהאַט אַזאַ השפעה אויף דעם געשיכטלעכן גאַנג פון אונדזער לעבן, ווי אונדזער נייגער צו וויסן, אונדזער יראת הכבוד פאַר גייסטיקע ווערטן און אונדזער פאַרהערלעכונג פונעם תלמיד־חכם — אַ פשיטא שוין דעם דאָזיקן, וואָס פאַרמאָגט אַחוץ וויסן, אויך שעפערישן אייגנאַרט: פאַר דעם מחבר וואָס איז „מחדש חידושים", פאַר דעם אָריגינעלן שרייבער, דענקער אָדער קינסטלער.

ווי גרויס עס איז דער יראת הכבוד מיט וואָס יידן באַציען זיך צום שעפערישן וואָרט, ווערט סימבאָליש אויסגעדריקט אין זוהר, אויף זיין אייגנאַרטיקן פאַנטאַסטיש־מיסטיש־פאָעטישן שטייגער. דאָרט ווערט דערציילט, אַז ווען איינער איז מחדש אַ וואָרט — געמיינט געדאַנק — ביים לערנען, פליט דאָס וואָרט אַוועק צום רבש"ע, און ער קושט עס, פרייט זיך מיט דעם, באַקרוינט עס מיט 370 טויזנט קרוינען, און דאָס וואָרט שוועבט אַוועק און ווערט פאַרוואַנדלט — אַ מאָל אין אַ נייעם הימל, און אַ מאָל אין אַ נייער וועלט. (הקדמת ספר הזוהר, א').

נו, און דאָס גיט צו יעדער שעפערישער מענטש, אַז דער מהלך צווישן דעם קינסטלערס ווילן און זיינע אויסדרוקס־מעגלעכקייטן איז שטענדיק זייער גרויס. בכל אופן איז עס אַזוי אין באַוואוסטזיין פון יעדן קינסטלער. דערפאַר דאַרפן קינסטלערס האָבן גענוג עניוות מודה צו זיין זיך, אַז דאָס וואָרט, וואָס יעדערער באַזונדערער פון זיי גיט אַרויס אויף זיין אייגנאַרטיקן שטייגער, איז ניט אַזוי גרויס אין חידוש, אַז ס'זאָל זוכה זיין צו שטייגן אין די הימלען און שאַפן נייע וועלטן. צו אַזאַ פאַרטיפטער שעפערישקייט האָבן געקענט דערגרייכן נאָר זעלטענע יחידי סגולה.

און אויב אפילו שעפערישע מענטשן קענען זיך ניט דערהייבן צו דער מדרגה פון יחידי סגולה, ווינטשט אָבער יעדער איינציקער פון זיי — און דאָס דאַרף אָנגענומען ווערן פאַר אַ זעלבסט־פאַרשטענדלעכער זאַך — אויפצוהיטן די דערהייבענע עטישע און עסטעטישע ווערטן פון זיין פאָלק, וואָס ער האָט געקראָגן בירושה, און די דאָזיקע מענטשן ניט צו פאַרטאַכלעווען.

וואָס באַצוועקן שעפערישע שרייבער צוצוטראָגן צום לייענער?

דאָס פלאַכע און טאָג־טעגלעכע? — פאַר דעם דאַרף זיי ניט דער לייענער. פאַר דעם זיינען דאָ — אָדער באַדאַרפן זיין — געשולטע צייטונגסלייט, רעפאָרטערס, אַנאַליטיקערס, פאָליטיקערס און סאָציאָלאָגן, און זיי טוען די דאָזיקע מלאכה — ניט ווי אַ קונסט אויסדרוק, נאָר אויף אַ פשוטן פאַכמאַנישן שטייגער.

ניט אַזוי ש ע פ ע ר י ש ע שרייבערס. ניט רעפאָרטאַזש איז וואָס מ'פאַרלאַנגט פון זיי, נייערט קונסט אויסדרוק, אייגנאַרטיקע שאַפונג, וואָס אויב ס'האָט דעם ווערט פון דעם נאָמען ק ו נ ס ט , אָדער ש אַ פ ו נ ג , טאָר עס בשום אופן ניט זיין דאָס פלאַכע און געוויינטלעכע, נאָר דאָס טיפע, דאָס סובטילע, דאָס לירישע, געפילפולע, אָדער — ווען ס'איז אויפן געביט פון עסיי, אָדער פובליציסטיק און אפילו זשורנאַליזם — דאַרף עס זיין דאָס

פאַרטיפט חכמהדיקע און אַנטפּלעקנדיקע וויסנשאַפטלעכע.

אַ קינסטלער איז דער, וואָס איז איבערוועלטיקט פון אַ קאָנסומירנדיקער, פאַרצערנדיקער אידייע, און ער גיט פאַר איר אויסדרוק אויף אַלערליי אופנים, דורך אַלערליי קאָלאָריטן און אין אַלערליי אַספּעקטן און פאַרהעלטענישן.

ס׳איז געגליכן צו אַ מוזיקאַלישער סימפאָניע, וואו עס ווערט געגעבן אויסדרוק צו אַ טעמע, און זי האַלט אין איין איבערחזרן זיך אויף פאַרשיידענע כלי־זמר און אַלערליי טענער — אַ שטייגער ווי די סימפאָניעס פון בעטהאָווען, טשאַיקאָווסקי, רימסקי־קאָרסאַקאָוו און אַנדערע.

אַזוי האָבן זיך נוהג געווען אין דער יידישער ליטעראַטור: מענדעלע, שלום עליכם, ביאַליק און, דער עיקר, י. ל. פרץ און ה. לייוויק.

האָבנדיק דאָס אין זינען, שטייען שעפערישע שרייבערס אַלע מאָל פאַר דער דילעמע — ווי צו געבן אויסדרוק צו זייערע געפילן, זעאונגען, געדאַנקען, אויף אַזאַ שטייגער, אַז זיי זאָלן פאַראינטערעסירן דעם לייענער צו וועלן לייענען וואָס ס׳ווערט צו אים געווידמעט, און אין דער זעלביקער צייט, זאָל ער, דער לייענער, וועלן פאַרטיפן זיך און פאַרטראַכטן זיך אין דעם ענין וואָס ווערט אים דערלאַנגט.

דאָס אַליין באַציט זיך צו שטריפּטשטעלערישער שאַפונג בדרך כלל — אָבער באַזונדערס און מער קאָמפּליצירט ווערט דער ענין אינעם פרט פונעם יידישן שרייבער, איבער די באַזונדערע באַדינגונגען קעגן וועלכע די יידישע ליטעראַטור קומט אויס צו ראַנגלען זיך.

* * *

אויב, לאָמיר אָננעמען, ליטעראַטור, בדרך כלל, האָט קיין אַנדער שליחות ניט, אַחוץ ק ו נ ס ט (טייטש דעם באַגריף ק ו נ ס ט ווי איר פאַרשטייט), מוזן מיר אָבער טיף פאַרטראַכטן זיך, אויב, וואָס שייך י י ד י ש, באַדאַרף מען צו ליטעראַטור שטעלן אויך באַזונדערע תביעות.

אין יידישע שרייבערישע קרייזן פירט זיך אָפט אַ דיסקוסיע, צי ק ו נ ס ט דאַרף זיין לשם קונסט, אָדער קונסט לשם אידייע.

דער לאָגישער ענטפער אויף דעם באַדאַרף זיין. קונסט מיט אַן אידייע. בעסער געזאָגט, אַן אידייע וואָס זאָל אַזוי באַגייסטערן, אַז זי זאָל סטימולירן קונסט — ווי די אידייע, וואָס האָט סטימולירט די רייד פון די נביאים, די געזאַנגען פון די מחברים פון תהילים.

אָדער לאָמיר נעמען פאַר אַ משל די מער מאָדערנע שרייבערס, ווי טאָלסטאָי אין דער רוסישער ליטעראַטור, י. ל. פרץ און ה. לייוויק אין דער יידישער ליטעראַטור. זיי זיינען געווען באַהערשט פון באַשטימטע אידייען און צו זייער אויסדרוק האָבן זיי געווידמעט זייער קונסט.

פרעגט זיך: האָט זייער קונסט דורך דעם געליטן אָדער ניט?

די דאָזיקע פראַגע קען ניט פאַרענטפערט ווערן צו אַלעמענס צופרידנשטעלונג. יעדער איינער טייטש זי ווי ער פאַרשטייט. איך פערזענלעך אָבער דענק, אַז ווען קונסט ווערט געשאַפן אָן אַ באַשטימטער אידייע, איז עס — לויטן יידישלעכן אויסדרוק — אַ ברכה לבטלה...

נאָך מער — די עצם אידייע דערהייבט ניט נאָר דעם לייענער, נאָר עס דערהייבט דעם שרייבער גופא צו הויכע הייכן.

וואָס שייך פרצן, האָט ער זיך ערשט דורך זיינע „צווישן צוויי בערג“ דערהייבן אויפן העכסטן באַרג פון שעפערישקייט; אין דעם „גילגול פון אַ ניגון“ איז זיין אייגענער ניגון מגולגל געוואָרן; ער אַליין איז געשטיגן נאָך העכער פון זיין „אויב נישט נאָך העכער,“ און אין דעם קרייז פון זיינע שטראַלנדיקע יידן פון די „גאָלדענע קייטן“ און מיט די נשמה־יתירות, איז ער אַליין געוואָרן אַ גאָלדענער רינג אין דער קייט, איז ער אַליין אָנגעפילט געוואָרן מיט אַ נשמה־יתירה און האָט זיך אַזוי העל צעשטראַלט, אַז זיין אָפּשטראַלליכטיקייט עד היום פאַר אונדז אַ וועג צו יידישקייט.

און אַזוי אויך מיט ה. לייוויק: ערשט אין זיינע צוויי גולם־דראַמעס, אין זיין „אין די טעג פון איוב“ און אין דער „חתונה אין פערנוואַלד,“ וואו ער איז באַהויכט געוואָרן פון אַן אידייע, אָדער



אידייעס, איז ער קינסטלעריש געשטיגן צו גאָר הויכע מדרגות.

אַזוי אויך צווישן די העברעאישע שרייבערס: פון קינסטלערישן קוקווינקל איז שאול טשערניכאָווסקי געווען ניט ווייניקער באַגאַבט פון ביאַליקן; געווירקט אָבער בשעתו, און טוט ווירקן נאָך עד היום — ביאַליק און ניט טשערניכאָווסקי.

דער עיקר: אין דער יידישער ליטעראַטור דאַרף דער באַגריף קונסט לשם קונסט אָפּטרעטן דעם אויבנאָן פאַר קונסט לשם אידייע. דער נביא (נביא איז קינסטלער!) דעם נביא אליהוס שליחות איז צו ברענגען מ ש י ח, און צו ד ע ם דאַרף ער זיך ווידמענען. היינט, אין דער צייט פון „הרת עולם“, קען אליהו הנביא ניט נאָכזינגען שיר השירים — אויף אַ שלמה המלך שטייגער; היינט דאַרף ער אַרויפציען פלייש און הויט אויף טרוקענע ביינער — אויף אַ יחזקאל שטייגער.

אין דער איצטיקער קריטישסטער צייט פון דער יידישער געשיכטע בפרט און פון דער מענטשלעכער געשיכטע—געשיכטע בכלל, איז עס דער חוב פון קונסטשעפערס אַריינצוּוועבן אין זייערע שאַפונגען א י ד יי ע — די אידייע, ווי זי ווערט ביי אונדז יידן געשאַצט, אַז, ערשטנס, איז אונדזער קיום, דער קיום פון יידישפאָלקישקייט, פון אומגעהויערן באַטייט, און דאָס איז דערפאַר, וואָס די יידישווערטן זיינען אַזוי דערהייבן, אַז זיי פאַרשאַפן דער נשמה די דאָזיקע פולקייט, וואָס גיט זינען, אינהאַלט און עשירות צום עצם קיום פון מענטש.

אפילו די דאָזיקע יידישע שרייבערס, וואָס האָבן ביז איצט זייער גאַנצע ליטעראַרישע שעפערישקייט געווידמעט דעם אידעאַלישן אַבסטראַקט פון „קונסט לשם קונסט“, באַדאַרפן איצט אויך אָנהייבן מאַכן אַ הנחה. אין געראַנגל פאַר קיום — דעם נאַציאָנאַלן יידישן געראַנגל אין וועלכן מיר אַלע זיינען איצט פאַרטאָן — איז עס אַ נויטווענדיקער באַדינג צו מאַכן אַ פשרה מיטן פרינציפּ.

אַזוי האָבן געטאָן אַלע אונדזערע גדולים. פאַר אַ משל קענען מיר שטעלן רבי עקיבא: זיין ליבשאַפט צו יעדן מענטש איז ממש געווען אָן גרענעצן און ער איז בשום אופן ניט געווען קיין איש מילחמה, אָבער ווען ער האָט צוגעזען די מעשים תעתועים פון די רוימער, האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אָן בר־כוכבא און גערופן דאָס פאָלק צום אויפשטאַנד קעגן די רוימישע אָקופּאַנטן פון ארץ ישראל.

נון, דער באַרוף פון שרייבער איז זיכער ניט די שווערד, אָבער אין דער איצטיקער צייט פון גרויסן אומרו, ווען די לאַגע איז אַזוי קריטיש, דאַרף דער שרייבער לכל הפחות ביישטייערן דעם כוח פון זיין פען פאַר אונדזערע און אַלוועלטלעכע „הרת־עולם“ קאַמפן, וואָס ווערן איצט אָנגעפירט — סיי ווייליק, סיי בייזווייליק און סיי סטיכיש.

געוויס טאָר אַ יידישער שרייבער ניט אַרונטערלאָזן זיך צו פלאַכקייט; געוויס דאַרף ער זיין קינסטלעריש דערהייבן צו אַ מדרגה, וואָס זאָל בשום אופן ניט שטיין נידעריקער פון דער אַלגעמיינער ליטעראַרישער סביבה; געוויס טאָר ער זיך ניט אַרונטערלאָזן צו אַ מדרגה פון עם־הארצות און באַנאַליטעט. ער איז אונטער אַלע אומשטענדן מחויב צו שטיין אויף אַ הויכער מדרגה פון קונסט. די פאָרם פון אויסדרוק איז יעדן באַזונדערנס פערזענלעכער ענין און קיינער קען עס אים ניט דיקטירן. אָבער וואָס פאַר אַ פאָרם אָדער סטיל דער שרייבער זאָל פאַר זיך ניט צופּאַסן, באַדאַרף ער אַלע מאָל פאָרט האָבן אין זינען, אַז ווי אַ י י ד י ש ע ר שרייבער טראָגט ער אויף זיך די אַחריות צו זיין אַ משולח פאַר יידישקייט.

אַחוץ דעם דאַרף דער יידישער שרייבער בפרט — ווי שרייבערס בכלל — פאַר זיך ווילן דעם סטיל פון קלאָרקייט, בכדי צו קענען אַפּעלירן דירעקט און אוממיטלבאַר צום לייענערס פאַרשטאַנד. וואָרעם, זאָגט אפילו דער פאָרגעשריטענער לייענער — אויב איך דאַרף זיך יאָ קנייטשן דעם שטערן ווי צו פאַרשטיין און ווי צו טייטשן דאָס געשריבענע אין דער יידישער ליטעראַטור, וועל איך שוין ליבערשט אַוועקזעצן זיך לערנען אַ בלאַט גמרא, אָדער אַ קאַפּיטל רמב״ם, צו אַ שיעור שפּינאָזע.

אויף פאָרמאַליזם איז לייכט געשטרויכלט צו ווערן. בכדי צו גרייכן פאָרמאַליסטישע הייכן, דאַרף מען האָבן דעם טאַלאַנט פון אַ דזשיימס דזשאָיס, און אפילו דערביי דאַרף צוגעגעבן ווערן, אַז אויך דזשיימס דזשאָיס איז מער אַן עניין פאַר אַקאַדעמיקער איידער פאַר אפילו מער אַנטוויקלטע לייענערס.

מאָדערניסטישע טענדענצן, אין אַלע זייערע צווייגן, מעגן טאַקע שוועבן אין די הויכע הייכן, אָבער פאָלקישקייט איז דערווייל נאָך ניט מלאכישקייט, איז גרונטגעפעסטיקט צו דער ערד, און שעפעריש־שרייבערישער חוב איז טאַקע הייבן פאָלק — אויף אַ מלאכימשן שטייגער — צו הימלען, אָבער געטאָן דאַרף עס ווערן דורך פאָלקישן לשון.

* * *

דאָס איז וואָס שייך דעם יידישן ליטעראַרישן שאַפן פאַר אונדזער סביבה דאָ הי, אין די תפוצות, מחוץ די גרענעצן פון מדינת ישראל.

מיר דאַרפן אָבער תמיד אין זינען האָבן, אַז מיר האָבן אויך אַ שליחות — אַ זייער וויכטיקע שליחות — לגבי דער יידישער מדינה.

וויפיל אַכטונג מיר זאָלן ניט לייגן אויף אונדזערע דערגרייכונגען אין די תפוצות, מוזן מיר אָבער פאָרט קומען צו אַ הסכם, אַז מציון תבא תורה, אַז מדינת ישראל איז דער עיקר, וואָס מוז און וועט משפיע זיין אויפן קיום פון יידישקייט.

אַ סך יידישע שרייבערס בפרט, און קולטורלייט בכלל, זיינען אַמאָל געווען באַאיינפלוסט פון אחד־העם וועלכער, איז טעאָרעטיש — הגם ניט פראַקטיש — געווען קעגן דעם פאָליטישן ציוניזם אויפן סמך פון דעם, וואָס ארץ ישראל איז ניט מסוגל צו לייזן די יידישע פראַגע אין אירע פאָליטישע און סאָציאַלע אַספּעקטן. אחד־העם האָט נאָר געוואָלט אויפשטעלן אין ארץ־ישראל אַ „מרכז רוחני", אַ גייסטיקן צענטער, וואָס זאָל משפיע זיין אויפן גלות.

די אומשטענדן האָבן אָבער געפירט צו דעם, אַז מיר האָבן יאָ געשאַפן פאַר זיך אַ פאָליטישע און סאָציאַלע היים אויף דעם היסטאָרישן באָדן פון דעם פאָלק ישראל.

איז די דאָזיקע היים, וואָס שייך פאָליטיש — און אָרטיק, אויך סאָציאַל — שוין אויפגעשטעלט, און ס׳פאַרשאַפט אונדז נחת רוח, אָבער וואָס שייך קולטורעל, קומט אונדז אויס אָפט מאָל צו אַנטוישן זיך.

אָפט מאָל שאַפט זיך דער איינדרוק, אַז וואָס שייך קולטורעל, אַנטוויקלט זיך ניט די דאָרטיקע ריכטונג אויף אַ שטייגער ווי מיר וואָלטן עס געוואונטשן. עס שאַפט זיך אַ צושטאַנד, וואו מיר, אין די תפוצות, דאַרפן מער משפיע זיין אויף ישראל, איידער ישראל קען און טוט משפיע זיין אויף אונדז. עס איז געווען אַ צייט (אגב, די לאַגע האָט זיך געענדערט עטוואָס צום בעסערן זינט דער „זעקס־טעגיקער מילחמה") ווען עס האָבן זיך באַוויזן צייכנס, וואָס האָבן געצייגט, אַז ישראל איז קולטור־אידעאיש אָפּגעטראָטן אויף אַ דרך, וואָס איז דער היפּוך צו וואָס מיר האָבן געשטרעבט. היינט צו טאָג באַווייזן זיך טאַקע סימנים, אַז די לאַגע האָט זיך עטוואָס געענדערט. פון דעסטוועגן דאַרפן מיר נאָך אַלץ שטיין אויף דער וואַך. מחמת עס קאָן גרייליך געשען, אַז מיר דאָ אין די תפוצות זאָלן דאַרפן אויפשטעלן אַזאַ קולטור־צענטער, וואָס זאָל ווירקן אויף ישראל מ ע ר איידער דער ישראל „מרכז רוחני" וועט קענען ווירקן אויף אונדז.

אין אַנדערע ווערטער: „דער גלות וועט דאַרפן משפיע זיין אויף דער גאולה, ווי אַזוי די גאולה זאָל משפיע זיין אויפן גלות.

מיר ווילן בלב ונפש זיין אייניק מיט ישראל. מיר ווילן ניט ווייניקער זיין אָפּגעטיילט פון בני ישראל פון מדינת ישראל איידער, למשל, ישראלים בני לאָס אַנדזשעלעס ווילן ניט זיין אָפּגעטיילט — נאַציאָנאַל, קולטורעל אָדער סאָציאַל — פון ישראלים בני ניו־יאָרק.

מיר וואָלטן געוואָלט זיין אויך בני עם שפה אחת, אָבער — פאַרפאַלן! — מיר ריידן אויף צוויי באַזונדערע לשונות.

אָבער מיר דאָ, אין די תפוצות, בויען ישיבות, תלמוד תורהס און אפילו אַקאַדעמיעס פאַר לשון עברית — מעגן מיר

פאַרלאַנגען, אַז זיי, אין מדינת ישראל, זאָלן — אין זייערע שולן — געבן קורסן אויך אויף לשון יידיש. פעלט זיי געלט פאַר דעם, וועלן מיר, דאָ הי, זיך דאַרפן אָן עצה געבן און צושטעלן אַהין געלט־מיטלען אויך פאַר אָט־דעם צוועק, ווי מיר טוען עס פאַר אַנדערע זאַכן. עס זיינען דאָ צוויי־שפּראַכיקע לענדער: בעלגיע, למשל, איז אַ צוויי־שפּראַכיק לאַנד; די שווייץ איז אפילו אַ פיר־שפּראַכיק לאַנד. פאַרוואָס זאָל ישראל מבטל מאַכן, און אָפּט מאָל אפילו פאַרמיאוסן, דאָס יידישע לשון פון די תפוצות?

און דאָס איז איינער פון די עיקרדיקסטע ענינים מיט וואָס די יידישע ליטעראַטור דאַרף זיך באַשעפטיקן.

און אָט די אידייען דאַרפן יידישע שרייבער תמיד אין זינען האָבן ווען זיי זעצן זיך ביי זייערע שרייבטישן צו וועבן זייערע שאַפונגען.

## די שריפט אויף דער וואַנט

עד כאן אין שייכות מיט יידישקייט ווי אַ נאַציאָנאַלער פּראָבלעם.

אָבער מיר יידן רופן זיך דאָך אַן ע ם ע ו ל ם. עם עולם אין טאָפּלטן באַטייט פונעם וואָרט: אַן א י י ב י ק פ אָ ל ק און אַ ו ו ע ל ט ־ פ אָ ל ק.

א י י ב י ק פאָלק — איז דער נאַציאָנאַלער געדאַנק; ו ו ע ל ט ־ פאָלק — זיינען מיר אונטערגעוואָרפן צום גורל פון די אַלע פעלקער פון דער וועלט צווישן וועלכע מיר וואוינען.

און צעזייט און צעשפּרייט זיינען מיר דאָך צווישן אַ ל ע פעלקער און איבער אַ ל ע ווינקלען פון דער ערד. איז אונדזער גורל אָפּהענגיק דורכויס פון דעם אַלגעמיינעם גורל פון דער וועלט.

דערפאַר באַציט זיך דער משיחישער אידעאַל, וואָס מיר האָבן אַנטוויקלט, ניט בלויז צו אונדז נאַציאָנאַל, נאָר ער איז אויסגעשפּרייט אוניווערסאַל. מיר מעסטן ניט גאולה ענגהאַרציק, בלויז פאַרן יידישן פאָלק, נייערט פאַר אַלע פעלקער אָן אויסנאַם.

אַזוי האָבן די נביאים פאָרויסגעזען גאולה, און אַזוי מאָלט זיך משיחישע גאולה אין די פאָלקסטימלעכע פאָרשטעלונגען פון דעם יידישן גלויבן.

אָבער איידער משיח קומט, זעט פאָרויס דער יידישער גלויבן, וועט פאָרקומען די וועלט־מילחמה צווישן גוג און מגוג.

נון, וואָס דאָס פאָלק האָט אַמאָל פאָרויסגעזען אין זיין וויטער פאַנטאַזיע, דערנעענטערט זיך איצט צו אונדז אין דער ווירקלעכקייט. די שריפט איז אויף דער וואַנט.

מיר זיינען עדות אויף דער גרויסער איבערקערעניש, וואָס קומט פאָר איצט אויף דער וועלט. ס'איז דער אָנהייב פון דער עפּאָכע ווען —

1. די ווייסע ראַסע פאַרלירט איר העגעמאָניע איבער דער וועלט;

2. דער אונטערגאַנג פון דער מערב־ציוויליזאַציע;

3. דער אויפקום פון אַ נייע ציוויליזאַציע, אַ נייעם לעבנסבאַגריף — אַ לעבנסבאַגריף, וואָס וואָרצלט זיך אין די גלויבנס פון די געדיכטע, שפּרודלדיקע מאַסן פונעם אָריענט, באַגלייט פון די פרימיטיווע גלויבנס פון די דזשונגלס, וואָס מיר האָבן אַמאָל גערופן דער פינצטערער וועלטטייל, אַפריקע, אָבער וואָס הערט שוין אויף צו זיין פינצטער, מחמת אויך איבער אים האָט שוין אאויפגעלויכטן די זון.

מיר געפינען זיך איצט אויף דער שוועל פון אַ נייער עפּאָכע פון דער מענטשלעכער געשיכטע; דער סוף פון דעם קריסטלעכן פעריאָד פון דער מענטשלעכער געשיכטע, דער סוף פון דער קריסטלעכער איבערהערשאַפט איבער דעם גורל פון מענטש. מיר זיינען עדות אויף דעם אויפקום פון אַ נייער עפּאָכע, ווען דער סאַמע עצם באַגריף פון לעבן — מאַטעריעלער ווי גייסטיקער — אַלע ווערטן פון לעבן — וועלן געענדערט ווערן.

וואָס וועט עס זיין? ס'איז ניט מעגלעך פאָרויסצוזאָגן. דער שכל איז אָבער מחייב אַז ס'וועט זיין אַ סינטעז צווישן די לעבנס־איינשטעלן פון בודיזם, קאָנפוציוס, הינדואיזם און די אַנדערע ווערטפולע איזמען פונעם אָריענט, אַריינגעוועבט אין די איבערבלייבענישן, דער עיקר טעכנישע, וואָס זיינען ווערטפול, פון דער מערב־ציוויליזאַציע.

און דערביי וועט פאָרקומען די פון יידיש־נביאיש פאָרויסגעזאָגטע און פאָרויסגעזעענע אַלוועלטלעכע גוג־און־מגוג מילחמה.

מיר קענען ניט פאָרויסזאָגן ווי בלוטיק אָדער ניט־בלוטיק די מילחמה וועט זיין. מילחמה איז עס אָבער יאָ און זי האָט זיך שוין אָנגעפאַנגען. איר אָנפאַנג איז איבער די שטעט פון אַמעריקע; איר אָפּהילך איז איבער די אומרוען אין אַלע אוניווערסיטעטן איבער דער וועלט; איר אויסשפרייט איז אין וויעטנאַם, טשעכאָסלאָוואַקיע, ניגעריא און אַנדערע וועלט־טיילן, און איר דערשיטערנדיקער וואולקאַנישער אויפרייס וועט ערשט קומען מיט דעם פלאַמענדיקן אויפקאָך אין כינע, וואָס וועט אויף אייביק פאַרלענדן די איבערהערשאַפט פון דער מערב־ציוויליזאַציע.

ס׳איז ניט, ווי מ׳וויל אונדז מאַכן נאַאיוו צו גלויבן, דער שטרייט צווישן קאָמוניזם און קאַפּיטאַליזם, צווישן דעמאָקראַטישער פרייקייט און קאָמוניסטישן טאָטאַליטאַריזם. אמת, דאָס אויך. אָבער דער שטרייט פאַרצווייגט זיך דאָך אויך צווישן די קאָמוניסטישע לענדער גופא — און באַזונדערס צווישן די אָריענטאַלישע און אָקסידענטאַלישע קאָמוניסטישע לענדער. אינעם הינטערגרונט פונעם סיכסוך איז פאַרבאָרגן ראַסיזם געמישט מיט מעטאַפיזישער אידעאָלאָגיע, און ניט, ווי מ׳וויל אונדז מאַכן גלייבן, סאָציאַל־עקאָנאָמישע אידעאָלאָגיע. **ס׳איז מיזרח קעגן מערב!** ס׳איז די אידעאַליסטישע גייסטרייכקייט און פאַנטאַסטישע נשמה־פאַרטיפטקייט פונעם מיזרח לגבי דעם מאַטעריאַליסטיש פאַרזונקענעם מערב. ס׳איז די דערוואַכונג פון דעם ריז פון דעם אָריענט אין אויפשטאַנד קעגן זיין באַצווינגער פון מערב.

ה. לייוויק האָט דאָס פאָרויסגעזען אין זיין פּאָעטישער וויזיע פון דער גאולה־קאָמעדיע, ווי דער קאַמף צווישן גוג און מגוג, וואָס איינער איז כמו־רעוואָלוציע און דער צווייטער איז כמו־קאָנטער־רעוואָלוציע. אין זיין צייט, ווען לייוויק האָט די גאולה־קאָמעדיע געשריבן, האָט ער עס, נאַטירלעך, אַנדערש ניט געקענט זען. אָבער איצט זען מיר עס באַשיינפערלעך, אַז ס׳איז לא הא ולא הא — ניט רעוואָלוציע און ניט־קאָנטער־רעוואָלוציע: ס׳איז אַ נייע אינפלאַציע, אויף אַ טשנגיס־כאַן שטייגער, וואָס וועט פאַרפלייצן דעם מערב און אָפּווישן זיין דאָמינירנדיקע ציוויליזאַציע.

דער באַקאַנטער דייטשער היסטאָריקער און פילאָסאָפישער דענקער, שפּענגלער, האָט עס שוין פאָרויסגעזען תיכף נאָך דער ערשטער וועלט־מילחמה. איצט קענען עס שוין אַלע זען; מ׳גייט אינעם באַנקראָט פון דער מערב־ציוויליזאַציע; ס׳גייט אינעם באַנקראָט פונעם געפעלשטן יידנטום, וואָס רופט זיך קריסטנטום, וואָס פריידיקט מיט די ליפּן ליבע און פּאַציפיזם און פּראַקטיצירט האַס און בלוטיקן סאַדיזם.

און אין אָט דער איבערראַשונג פון אַלע ווערטן, אין דעם סינטעז וואָס וועט דאַרפן געשאַפן ווערן צווישן די אַנטיטעזיסן, וואָס צווישן דעם מיזרח און דעם מערב — איז עס מיין אמונה שלימה, אַז די נייטיקע פּשרה איז טיף איינגעוואָרצלט אין דער ישעיה־מיכה נבואה פון „והיה באחרית הימים", ווען „פון ציון וועט אַרויסגיין אַ תורה, און גאָטס וואָרט פון ירושלים, און ער וועט משפּטן צווישן פעלקער, און וועט אַנטשיידן צווישן אומות; און זיי וועלן שמידן זייערע שווערדן אויף אַקעראייזנס און זייערע שפּיזן אויף צווייגמעסערס; אַ פאָלק קעגן אַ פאָלק וועט ניט הייבן אַ שווערד, און מען וועט ניט מער לערנען מילחמה."

מיר יידן, ווי יהודה הלוי האָט אַמאָל אויסגעזונגען, וואוינען אין מערב, זיינען דאָך אונדזערע הערצער תמיד געווען אין מיזרח. און איצט, אַז מיר האָבן זיך דאָרט איינגעפעסטיקט אויף דאָס ניי, וועלן מיר דאַרפן זיין פאַרמיטלערס צווישן מיזרח און מערב. און פאַר דעם דאַרפן מיר זיין צוגעגרייט. מיר וועלן דאַרפן שאַפן דעם סינטעז צווישן דעם טעכנישן וויסן פון מערב און דעם גייסט פון מיזרח.

„מציון תצא תורה" האָט דער נביא פאָרויסגעזען. די חרובע ציון האָט ניט געקענט האָבן די נייטיקע השפּעה אויף

דער וועלט. אָבער ציון בויט זיך איצט אויף דאָס ניי, און אויך די תורה וועלן מיר דאַרפֿן אַנטוויקלען און זי אַנטפּלעקן פֿאַר דער וועלט אויף דאָס ניי.

און מיר וועלן קענען עס טאָן! לאָמיר נאָר אויף דעם ווערן באַוואוסטזיניק.

טעאָדאָר הערצל האָט אַמאָל געזאָגט: „אויב איר ווילט איז עס ניט קיין חלום." האָבן מיר טאַקע געוואָלט און ס'איז ניט געוועזן קיין חלום. ס'איז געוואָרן וואָר.

און אויב מיר וועלן איצטער וועלן, וועט אויך דער חלום ווערן וואָר.

---


אונדזערע ברכות צו אייך

# ליבער חבר וועלוול (ווילי) שאָר

צו אייער 84-סטן געבוירנטאָג

מיר, אַ גרופּע פֿריינד, וואָס טרעפֿן זיך יעדן שבת אָוונט ביי אייך אין הויז, ווינטשן אייך נאָך אַ סך יאָרן פֿון געזונט און איר זאָלט אָנגיין מיט אייערע טעטיקייטן אויפֿן געביט פֿון יידישער קולטור.

ז. און יעטאַ בונין

גאָלדע און מאַקס אַראָניק

מאַניע און אברהם שניידער

העלען און י. האָראָוויטש

משה קאַפּלאַן

פּנינה אָסמאַן

אָליאַ מילער

כאַצקל סיגל

בעלאַ און אַריה פּאַזי

# שרייבער און ביכער

שמואל ווייס

## הערי לאַנג — צו זיין 80־סטן געבוירנטאָג

די פייערונג פון הערי לאַנגס 80סטן געבוירנטאָג אין לאָס אַנדזשעלעס, אין וועלכער עס באַטייליקן זיך כמעט אַלע ריכטונגען און שאַטירונגען אין היגן יידישן לעבן, איז ניט נאָר אַן אויסדרוק פון דער פאַרערונג וואָס לאָס אַנדזשעלעס האָט פאַר איר לאַנג־יאָריקן תושב. נאָר נעמט אויך אַרום די ליבע און אַכטונג וואָס עס האָט פאַר אים די יידישע קולטור־וועלט אין אַמעריקע.

הערי לאַנג איז איינער פון די זעלטענע יידישע שרייבערס, וועלכער האָט אין זיין פערזענלעכקייט פאַראייניקט די אַלטע וועלט פון דער ישיבה מיט די אַספּיראַציעס פון דער אַרבעטער באַוועגונג אין אַמעריקע; די עטישע מאָראַל פון סאָציאַלן יושר, וואָס ער האָט איינגעזאַפּט אין זיך פון די הייליקע מוסר־ספרים אין זיין פריעסטער יוגנט, מיט די אידייאישע שטרעבונגען פון דעם יידישן אימיגראַנט אין דער נייער וועלט צו בויען דאָ זיינע עקאָנאָמישע, סאָציאַלע און קולטור־אינסטיטוציעס; צו פאַראייניקן תורה־יידישקייט מיט וועלטלעכער יידישקייט אין איין גייסטיקער האַרמאָניע.

אפשר ליגט עס אין זיין טעמפּעראַמענט. אין זיין וואַרעמער ליבע צו מענטשן, וואָס ער האָט אין זיין גאַנצער געזעלשאַפטלעכער און שרייבערישער קאַריערע תמיד באַוויזן צו פאַרקיילעכן שאַרפע שפּיצן פון צעטיילונג און געפינען דעם אינערלעכן תוך פון פאַראייניקונג. אין מיטן פון ברענענדיקע מחלוקתן צווישן ריכטונגען אין וועלכע ער איז אַליין זייער אָפט אַריינגעצויגן געוואָרן, האָט ה. לאַנג געזוכט און געפונען דעם טיפן זין פון דעם עצמדיקן גייסט, וועלכער פאַראייניקט דעם שטרייט כדי זיך צו דערטראַכטן צו די שטרייטנדיקע צדדים. דערפאַר האָט ער געקאָנט אין איין צייט זיין אי דער בונטאַר־רעוואָלוציאָנער אין די בראשית־יאָרן פון דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג אין אַמעריקע און איז אַ חסיד פון דער קאָנסערוואַטיווער גאָמפּערסיסטישער טרייד־יוניאָן פילאָסאָפיע; אי זיין אַ הייסער „פאָרווערטסיסט", ווען דער „פאָרווערטס" האָט אונטער דער רעדאַקציע פון אב. קאַהאַן געהאַט אַ לעבלעכע באַציאונג צו יידיש און יידישע קולטור, און אי זיין איינער פון די וואַרעמסטע עקספּאָנענטן פון יידיש־וועלטלעכער שאַפונג; אי זיין אַן אָנהענגער פון „בונד" און אנערקענען אַז „אָן דעם 'בונד' וואָלט ניט געווען מעגלעך קיין יידישע אַרבעטער באַוועגונג אין אַמעריקע," און אי זיין אַ הייסער אָנהענגער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג צו בויען אַ יידיש היימלאַנד אין ארץ ישראל, אין אַ צייט ווען דער „פאָרווערטס" האָט בכלל געהאַט אַ קעגנערישע שטעלונג צום ציוניזם אין פּאַלעסטינע.

* * *

הערי (הערץ לייב) לאַנג איז געבוירן געוואָרן אין שקוד, אַ קליין שטעטעלע אין ליטע, ביי פרומע עלטערן. וועלכע האָבן געוואָלט, אַז זייער גרעסטער זון זאָל זיין אַ רב. זיי האָבן אים געשיקט לערנען אין דער באַרימטער ישיבה אין סלוצק אונטער דעם באַקאַנטן ראש־ישיבה ר' איסר זלמן מעלצער, וועלכער איז, ווי די מיינסטע ישיבות אין יענער צייט, געווען אונטער דער השפּעה פון דער מוסר־באַוועגונג. אָבער שוין דאָרט האָט דער יונגער בחור אָנגעהויבן זיך באַקענען מיט דער וועלט אַרום אים און פאַרבונדן זיין עטיש־מאָראַלישע מוסר־לערע מיט וועלטלעכער בילדונג.



דעם גרעסטן גייסטיקן איינפלוס אויף דעם יונגן ישיבה־בחור האָט געהאַט זיין זיידע, יאָשע שלמה איינבינדער. דאָס קען מען זען פון דעם אופן ווי הערי לאַנג שילדערט דעם זיידן און זיינע מעשים טובים אין דער קליינער יידישער קהילה, וואָס זיין מאָראַלישע השפּעה האָט זיך געלאָזט פילן אפילו אין דער ניט־יידישער סביבה, צווישן די פויערים און די גלחים. אין אַט דער סביבה פון האַרמאָנישן צוזאַמענלעבן צווישן ייד און גוי האָט זיך אפשר ביי דעם יונגן בחור אויסגעפורעמט זיין לעבנס־פילאָסאָפיע, וועלכע ער האָט אַריינגעטראָגן אין דער היגער אַרבעטער־באַוועגונג.

קיין אַמעריקע איז ה. לאַנג געקומען אין 1904. עס איז ממש צו באַוואונדערן מיט וועלכן אייפער דער 16־יאָריקער ישיבה־בחור האָט גענומען לערנען די געשיכטע פון דער אַמעריקאַנער יוניאָן־באַוועגונג און זיך באַקענען מיט אירע אידייאישע שטרעבונגען. אָבער לערנען אַליין האָט אים משמעות ניט באַפרידיקט. ער איז געוואָרן איינער פון די פירער אין אַ יוניאָן, וועלכע איז דעמאָלט געגרינדעט געוואָרן פון דער אינטערנעשאָנאַל פרויען באַקלייד־אַרבעטער־יוניאָן.

ווי דער סעקרעטאַר פון לאָקאַל 62, וועלכער איז באַשטאַנען ס'רוב פון פרויען־אַרבעטער, האָט ער זיך נעענטער באַקענט מיט די דאַמאָלסדיקע פירער פון דער אינטערנעשאָנאַל און שפּעטער מיט אָנפירנדיקע פערזענלעכקייטן אין דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג. ה. לאַנג דערציילט אַז אויף איינער פון די פאַרזאַמלונגען פון דער יוניאָן. ביי וועלכער עס איז געווען אב. קאַהאַן, האָט דער רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס", מיט זיין שאַרפן חוש פאַר מענטשן, געמערקט לאַנגס פעאיקייטן צו שילדערן סיטואַציעס און קאָנפליקטן אין דער יוניאָן. „יונגערמאַן, אייער פּלאַץ איז אין 'פאָרווערטס'," האָט אב. קאַהאַן צו אים געזאָגט. „איר דאַרפט וועגן די אַלע זאַכן דערציילן די לעזער פון 'פאָרווערטס.'" אַזוי איז דער סעקרעטאַר פון דער יוניאָן געוואָרן דער לייבאָר־רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס".

אין יענער צייט האָט דער רעדאַקטאָר פון דער אַרבעטער־זייט פון „פאָרווערטס" פאַרנומען אַ נייע וויכטיקע פּאָזיציע אין דעם יידישן אַרבעטער־לעבן. ער האָט געדאַרפט באַריכטן די וויכטיקסטע געשעענישן אין די אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס; דערציילן זיינע לייענער וועגן די פּראָבלעמען פון דער יוניאָן; באַריכטן די פאַרשיידענע אַרבעטער־סטרייקס (און סטרייקס זיינען דעמאָלט געווען זייער אַ סך); האַלטן אַן אויג אויף דער ערלעכקייט פון די סטרייק־פירערס, אַז זיי זאָלן ניט פאַרטאַכלעווען די אָרעמע קאַסע פון דער יוניאָן פאַר זייערע אייגענע, ניט כשרע, צוועקן, און ער האָט געדאַרפט העלפן אויפקלערן יידישע אַרבעטער, עפענען די פענצטער פון די יידישע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס. אַז זיי זאָלן זען און זיך באַקענען מיט דער אַלגעמיינער אַרבעטער־באַוועגונג.

דאָס לעצטע איז געווען אַ זייער נייטיקע און אויך אַ זייער שווערע אַרבעט. מען דאַרף געדענקען, אַז די מערסטע יידישע עמיגראַנטן פון מזרח־אייראָפּע, וועלכע האָבן דאָ געגרינדעט די ערשטע יידישע יוניאָנס, זיינען געווען היימישע, קליינשטעטלדיקע בעל־מלאכהס. וועלכע האָבן ווייניק וואָס געוואוסט פון מאָדערנעם טרייד־יוניאָניזם. אַ סך פון זיי זיינען בכלל ניט געווען קיין אַרבעטער אין דער אַלטער היים. אַחוץ דעם איז זיי געווען פרעמד די היגע לאַנד־שפּראַך און דער היגער לעבנס־שטייגער. זייער שכל־הישר און אויך די ערשטע דערפאַרונגען אין קליידער־שעפּער האָט זיי געלערנט אַז זיי מוזן זיין פאַראייניקט אין אַ יוניאָן צו קענען מילדערן די שרעקלעכע עקספּלואַטאַציע און פאַרבעסערן זייער ביטערע לאַגע אין די דאַמאָלסדיקע „סוועט־שעפּער."

אָבער דער גייסט פון אַחדות האָט זיך אָפּגעקילט באַלד אין די ערשטע וואָכן פון אַ סטרייק און די יוניאָן איז זיך פאַנאַנדערגעפאַלן. די דערפאַרונג צו בויען אַ יוניאָן אויף אַ שטאַרקן, דויערהאַפטיקן פונדאַמענט האָבן יידישע אַרבעטער ניט געהאַט.

שפּעטער, נאָך 1905, איז שוין די אימיגראַציע פון רוסלאַנד באַשטאַנען פון טיילווייז אויסגעשולטע טוער פון די אַרבעטער און בילדונג־קרייזלעך אין דער

אַלטער היים. זייערע באַגריפן פון דער ראָל און פונקציע פון אַ יוניאָן האָבן זיך אָבער לחלוטין ניט אַריינגעפאַסט אין דער פילאָסאָפיע פון היגע יוניאָן־פירער און אין זייערע איבער הונדערט יאָר אַלטע טראַדיציעס אין דער היגער טרייד־יוניאָן באַוועגונג. מיט דעם וואוקס פון די אימיגראַנטישע יוניאָנס אין די נאָדל־אינדוסטריעס איז געוואָרן אומפאַרמיידלעך אַ צוזאַמענשטויס מיט דער היגער אָרגאַניזירטער אַרבעטער־באַוועגונג. פאָרמעל האָבן די יידישע יוניאָנס געדאַרפט זיין אַ טייל פון די אַלגעמיינע צענטראַלע אַרבעטער־קערפערשאַפטן, אָבער פאַקטיש האָב זיי זיך דאָרט געפילט ווי „אויף אַ פרעמדער חתונה.“

צו דעם איז נאָך צוגעקומען די אַלטע, כמעט טראַדיציאָנעלע קעגנערשאַפט פון דער היגער טרייד־יוניאָן באַוועגונג קעגן באַשיצן דעם הויכן עקאָנאָמישן מצב פון אירע מיטגלידער. אפשר איז דאָ און דאָרט אויך געווען אַ קאַפעטשקע אַנטיסעמיטיזם מיט וועלכן מען האָט זיך געשעמט אין עפנטלעכע אַרבעטער־קרייזן, אָבער פון צייט צו צייט האָט מען זיך אָפגעזאָגט אַריינצונעמען יידישע סטאָלאַרעס, שלאָסערס, אייזן־אַרבעטער און מויערערס אין די יוניאָנס פון זייערע פאַכן, אָדער אַנערקענען יידישע יוניאָנס פון אַזעלכע אַרבעטער אַלס טיילן פון די צענטראַלע יוניאָן־קערפערשאַפטן.

פון דער אַנדערער זייט האָבן אַ סך מיטגלידער אין די יידישע יוניאָנס פון די באַקלייד־אינדוסטריעס באַטראַכט די אָפיציעלע פירערס פון דער „אַמעריקען פעדערײשאַן אָוו לייבאָר“ אַלס רעאַקציאָנערן, וועלכע טויטן אָפ „דעם רעוואָלוציאָנערן גייסט פון דעם אַרבעטער־קלאַס“ און דערלאָזן ניט אַז ער זאָל דערגרייכן דעם ענדציל פון דעם אַרבעטער־קאַמף — „דעם צעשטער פון דעם קאַפיטאַליסטישן ווירטשאַפט־סיסטעם און די איינפירונג פון סאָציאַליזם.“

איבער אָט דעם תהום, וואָס האָט אָפגעטיילט יידישע אימיגראַנטן און סאָציאַליסטן פון דער היגער טרייד־יוניאָן באַוועגונג, האָט מען געמוזט נעמען בויען בריקן פון קעגנזייטיקער פאַרשטענדעניש לטובת ביידע צדדים. הערי לאַנג האָט געמאַכט זיין גרעסטן בייטראָג צו דעם אויפבוי פון אַזעלכע בריקן צווישן די יידישע און ניט יידישע יוניאָן־מיטגלידער, צווישן דער יידישער און ניט־יידישער אַרבעטער באַוועגונג אין אַמעריקע. ער האָט עס געטאָן דורך פערזענלעכן קאָנטאַקט מיט די אָפיציעלע פירער פון דער „אַמעריקען פעדערײשאַן אָוו לייבאָר,“ ווי סעמועל גאָמפערס, מעטיו וואָל און אַנדערע, און דורך קנעלן מיט יידישע אַרבעטער, לייענער פון „פאָרווערטס“, אַז זיי זאָלן פאַרשטיין די אייגנאַרטיקייט פון דער אַמעריקאַנער אַרבעטער באַוועגונג, וועלכע איז דאָך געבויט און אַנטוויקלט געוואָרן אין אַנדערע סאָציאַלע און פאָליטישע באַדינגונגען ווי די מערסטע יוניאָנס אין דער אַרבעטער וועלט.

הערי לאַנג איז ניט זעלטן געקומען אין קאָנפליקט מיט זיינע לייענערס און מיט פירערס פון די היגע יידישע יוניאָנס. ניט אַלע האָבן געקאָנט פאַרטראָגן זיין אַכטונג פאַר סעמועל גאָמפערס, וועלכער איז פאַר די מערסטע יידישע אַרבעטער און סאָציאַליסטן געווען עפעס ווי אַ פרעמדער געוויקס אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער וועלט. הגם גאָמפערס האָט דווקא שטאַרק געהאַלטן פון אַן אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער פירערשאַפט, וועלכע זאָל אַרומנעמען די יוניאָנס פון אייראָפע און פון אַמעריקע און ער האָט אפילו געהאָלפן שאַפן דעם אַזוי־גערופענעם „אַמסטערדאַמער טרייד־יוניאָן אינטערנאַציאָנאַל,“ נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה.

מיט דער צייט איז די בריק צווישן דער יידישער און דער אַלגעמיינער אַרבעטער באַוועגונג געוואָרן אַזוי שטאַרק, אַז ס'איז געוואָרן מעגלעך צו פאַראינטערעסירן אַ סך ניט־יידישע אַרבעטער־פירער אין דער בוי־אַרבעט פון דער יידישער מדינה אין ישראל.

אויך אויף אָט־דעם איז הערי לאַנג געווען אַ פיאָנער. ער האָט גענומען שרייבן פראָ־ציוניסטישע אַרטיקלען אין „פאָרווערטס“ נאָך אין דער צייט ווען דער „פאָרווערטס“ איז געווען אַנטי־ציוניסטיש און ער האָט געהאָלפן שאַפן דעם געווערק־

אגב באַמערקט ביקל אין דעם זעלביקן אַרטיקל, אַז „דעמבלין פאַלט זעלטן אַריין אין אַ פאַטעטישן טאָן, אָבער זיין סטיל האָט טעמפעראַמענט.“ איז אַחוץ דעם וואָס טעמפעראַמענט האָט אַ שטיקל שייכות מיט טעמפעראַטור, קען זיך אַ ראָמאַן־שרייבער נישט ווינטשן קיין בעסערע קריטיק. אַוודאי ווערט ער נישט פאַטעטיש און לאָזט נישט איבערגיין זיינע געפילן ביים שילדערן אַ פאַרשוין, צי אַ סיטואַציע, דאָס הייסט, ער ווערט נישט פאַרטייאיש. אָבער זיין סטיל, זיין סטילוס, זיין שאַרפע פען האָט דעם כוח אויסצודריקן דאָס, וואָס דער קינסטלער האָט געהאַט בדעה אויסצודריקן.

אָביעקטיוויטעט און אומפאַרטייאישקייט זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר דעמבלינען שוין פון זיין פריעסטער יוגנט אָן. הגם ער איז געווען פאַרבונדן מיטן „בונד“ און ער איז אַליין געווען אַן אַרבעטער־פירער, האָט ער נישט אָנגעוואוירן זיין קריטישן בליק לגבי געוויסע דערשיינונגען פון דעם „קלאַסן־קאַמף“ און האָט פאַרשטאַנען אָפצושאַצן כדבעי די נאַאיווע אויפפאַסונגען פון די ניי־געבאַקענע יידישע רעוואָלוציאָנערן. ער האָט שטענדיק געוואוסט, אַז דעם יידישן תחום קען מען נישט מעסטן מיט גויאישע מאָסן און אַז ביי אונדז יידן זיינען שולט אַנדערע דינים און גייען אָן אַנדערע געזעצן.

אין אַן אַנטציקנדיקן עפיזאָד פון זיינע קינדער־יאָרן דערציילט דעמבלין„ ווי ער האָט שוין דעמאָלט געהאַט טענות צו די מכלומרשטע קעמפערס פאַר גערעכטיקייט, מחמת יענע מענטשן מיט די רויטע פאָנען האָבן איין מאָל דערלאָזט אַז מען זאָל שלאָגן זיין הינטל. נו, האָט דאָס קינד געפרעגט, וואו איז דאָ דער יושר?

דאָ מעג אויך דערמאָנט ווערן, אַז מיט יאָרן צוריק, ווען „רעליגיע“ איז נאָך נישט געווען די מאָדע פון דער גאַס, האָט דעמבלין שוין געהאַט געבראָכן מיט דער משכילישער איינזייטיקייט, צי בעסער, בלינדקייט לגבי דער יידישער טראַדיציע. ער האָט לחלוטין נישט געטיילט די אויפפאַסונג, אַז דאָס שטעטל, אַז דער חדר, דער רב און דער רבי זיינען גאָלע פינצטערניש. ער איז אויך קיין מאָל נישט געווען דער פאַרביסענער „אַנטי־בורזשוי“, ווי אַ סך פון זיינע פאַרטיי־חברים. און דאָס איז נישט געווען קיין לייכטער ענין פאַר אַ מענטש, וואָס איז געשטאַנען אין דער „באַוועגונג.“

דאָ איז אויך דאָס אָרט צו דערמאָנען אַן אַנדערן עפיזאָד, וואָס איז זייער אַקטועל, מחמת דער ווייטער קוק פון דעם ראָמאַן־שרייבער איז מקוים געוואָרן דווקא אין אונדזערע טעג.

בעת זיינע בונדיסטישע פריינד האָבן זיך געפרייט מיט דעם באַפרייטן פוילן, האָט דעמבלין זיך נישט געקענט מיט־פרייען מיט זיי. אין זיין ראָמאַן, „אין דער וועלט אַריין,“ דערציילט ער, ווי ער האָט שוין דעמאָלט געזען אַז איבעראַל אין פוילן „סיקעט דער אַנטיסעמיטיזם מיט שלאַנגישן גיפט.“ און ווען ער אַנטשליסט זיך צו פאַרלאָזן פוילן און אַ חבר פרואווט איב אָפצורעדן דערפון, דערקלערט ער: „אפילו נאָך דער סאָציאַלער רעוואָלוציע וועלן פאָליאַקן האַסן יידן און זיי טרייבן פון לאַנד.“ בייזערט זיך דער חבר אָן און איז אים חושד מיט די דאָזיקע ווערטער: „עפעס קוואָקעסטו מיר ציוניסטיש.“ אויף דעם ענטפערט אים נתן חיים, דאָס מיינט בנימין דעמבלין: „אויב דאָס איז ציוניזם, בין איך זיך מודה דערויף.“..

דעמבלין באַמיט זיך אין זיין ווערק צו שטיין איבער דער פאָליטיק. ער איז, וואָלט איך געזאָגט, סופראַ־פאָליטיש. ער האָט געבראַכט דעם באַווייז, אַז דער אמתער קינסטלער דאַרף קודם־כל בלייבן געטריי צו זיין געוויסן און אַז ער איז מחייב קיין מאָל נישט נאָכצוגיין בלינד דעם דיקטאַט פון פאָליטישע פאַרטיי־פאַראָלן.

פון דעסטוועגן האָט זיך געפונען אַ קריטיקער, וואָס האָט אים פאָרגעוואָרפן, אַז ער איז דווקא יאָ אַ פאָליטיקער, אַז ער מישט זיך אין פאָליטיק, אַז ער שפרייזט אַריבער די גרענעצן, וואָס זיינען געזעצט צו דעם קינסטלער, דעם דערציילער, דעם ראָמאַן־שרייבער. דער דאָזיקער קריטיקער איז געווען ד״ר מוקדוני ע״ה, וואָס האָט אים געמוסרט אין אַן אַרטיקל אין דער „גאָלדענער קייט“

אין שייכות מיט זיין ראָמאַן „צאַנקענדיקע ליכט." אים האָט געאַרט, וואָס דעמבלין שילדערט אין יענעם ראָמאַן די אַנטוי־שונגען פון אַ פרוי, וואָס האָט יאָרן לאַנג פאַרבראַכט אין די נאַצי־לאַגערן און קומענדיק לסוף קיין מדינת ישראל מוז זי זיך ווייטער אַרומוואַלגערן אין אַ לאַגער.

דער אמת איז, אַז אין דעם דערמאָנטן פאַל איז פון פּאָליטיק לחלוטין נישט די רייד און אַז דעמבלין האָט פשוט געשיל־דערט אַ פאַקט אָן קיין שום זייטיקע פניות.

צום סוף לאָמיר באַטראַכטן נאָך איין קריטישע קוואַליפיקאַציע פון אונדזער בנימין דעמבלין. מען האָט אים, ווי אַ ראָמאַן־שרייבער, געפּרוּווט אַריינצו־שטעלן אין אַ געוויסער קאַטעגאָריע און אים בדרך כלל באַצייכנט ווי אַ רעאַליסט. איז דאָס אמת, אָבער נישט אין גאַנצן אמת. עס איז אמת, אַז ער שילדערט דאָס לעבן, ווי מיר אַלע קענען עס. פון דעסטוועגן איז פאַראַן אין זיינע ראָמאַנען עפּעס אַזוינס, וואָס איז שווער צו דעפי־נירן, אָבער וואָס דערלאָזט פאָרט נישט אים צו פאַרצייכענען ווי אַ סתם־רעאַליסט. נאָך ווייניקער פּאַסיק איז אָנצונעמען, ווי דאָס האָט געטאָן מיין טראַגיש פאַרשטאָר־בענער פריינד עמנואל פערשלייסער ע"ה, אַז אין דעמבלינס ראָמאַנען איז שולט אַ „פאָטאָגראַפישער רעאַליזם" און דאָס מיינט, כמדומה, אַ מין נאַטוראַליזם אַ לאַ זאָלאַ. מיר אָבער האַלטן אַז מען קען דעמבלינס רעאַליזם באין אופן נישט צוגלייכן צו דער פאָטאָגראַפישער אידענ־טיטעט פון עמיל זאָלאַ, צו יענער אַש־גרויער, טרויעריקער, מאָנאָטאָנער קאָפּיע פון דערווירקלעכקייט. ביי דעמבלינען איז פאַראַן אַן אַנדערער עלעמענט, וואָס טיילט אים אָפּ פון יענער אַכזריותדיקער, וויסנשאַפטלעך־קאַלטער אָביעקטיוויטעט פון דעם פראַנצויזישן זשעני.

וואָס איז דער דאָזיקער עלעמענט?

דער דאָזיקער עלעמענט באַשטייט אין דעם, וואָס אין דעמבלינען לעבט און וועבט נאָך די אַלטע ירושה, די ירושה פון דורות, די אייביקע ייִדישע ירושה. נישט געקוקט אויף דער אַסימילאַציע פון די מכלומרשט פּראָגרעסיווע שיטות, נישט געקוקט אויף דער רעליגיעזער דעגענע־ראַציע פון ברייטע שיכטן פונעם ייִדישן פאָלק. העט ביז אין די רייען פון דער ייִדישער אָרטאָדאָקסיע, איז יענע ירושה נאָך אַלץ דער לעבעדיקער, הגם פאַר־באָרגענער כוח פונעם ייִדישן מענטש און פונעם ייִדישן פאָלק. די דאָזיקע נישט צו צעשטערנדיקע ירושה גיט צו דעם רעאַ־ליזם פון דעמבלינען און זיין אָביעקטיווי־טעט אַן אייגענעם קאָלאָריט, באַפאַרבט זיינע געשטאַלטן מיט דער ליכטיקער פאַרב פון דער רייכער, פעסט פאַרוואָרצל־טער, גלויביקער ייִדישער נשמה. און די דאָזיקע נשמה איז פול מיט אַן אומענד־לעכער בענקשאַפט, מיט דער בענקשאַפט נאָכן צעשטערטן ייִדישן שטעטל. אָט די בענקשאַפט פילט מען אין אַלע זיינע ווערק. זי ציטערט הינטער אַלע זיינע ווערטער און זי האַלט אָן אפילו אונטער די נייע באַדינגונגען פון אַ ייִדישן שטאַט, פון אַ סאָווערענער ייִדישער מלוכה.

דעריבער וואָלט עס אויך נישט געווען ריכטיק אָנצונעמען, ווי עס האַלט, למשל, דער שוין דערמאָנטער עמנואל פערשליי־סער ע"ה, אַז מיט זיינע ראָמאַנען האָט דעמבלין „געשטעלט אַ מצבה זיין חרובער היים." אַז דאָס פון דעמבלינען פאַר־אייביקטע שטעטל איז טויט און באַגראָבן, אָפּגעווישט פון דעם פנים פון דער ערד, אַזוי אַז דערפון וועט קיין זכר נישט פאַר־בלייבן. מחמת, אויב מען לייענט זיך איין אין זיינע ראָמאַנען, האָט מען לחלוטין נישט דאָס געפיל פון טויט און אונטער־גאַנג. דאָ שטעלט דער מחבר נישט קיין מצבות און מאַכט נישט קיין „אל מלא רחמים" פאַר אַ טייערן נפטר. אדרבה, מען האָט דאָס געפיל, אַז דאָס שטעטל איז נ י ש ט טויט, אַז אונטער דער פען פון דעמבלינען לעבט דאָס שטעטל ווידער אויף, אַז אונטער די פינגער פון דעם קינסטלער איז מקוים געוואָרן דער נס פון תחית־המתים.

וואָס מיינט דאָס?

דאָס מיינט, אַז דאָס שטעטל, דאָס חרוב געוואָרענע, פאַרמאָגט אין זיך כוחות, וואָס קענען און דאַרפן נאָך האָבן אַ השפעה



**אברהם לעוו / גבעת השלושה, ישראל.**

# עס גייט אַרום דער מלך נאַקעט

זאָל זיין כ'געהער אַן אַנדער דור—
אַ פריערדיקן צי אַ שפּעטן.
איך פּאַס זיך ניט אַריין אין כאָר
פון היינטיקע פּאָעטן.

ווייל ווייט און פרעמד מיר זייער ליד,
פול מיט רמזים אָנגעוואונקען,
און ניט עס רעדט צו מיין געמיט,
וואָס איז מיט שווערן צער פאַרטרונקען.

איך לייען — פון אויבן ביז אַראָפּ
און פון אַראָפּ צוריק אויף אויבן;
איך פיל קיין טעם ניט אין די טראָפּ,
ווי ס'וואָלט מיר וועלן ווער פאַרטריבן.

דאָס ליד פאַר מיר ליגט אויסגעשפּרייט
און ס'איז ניט קלאָר מיר וואָס דאָ רעדט מען.
איך ווייס ניט: איז עס קלוגע רייד?
צי איז עס בלויז באַנאַליזמען?

ווייל עפּעס קומט דאָס ליד אַרויס
מיט ווערטער ווילדע אָנגעבלאָזן;
ס'איז ניט קיין דאָרן, ניט קיין רויז,
און רעדט צו מיר בלויז מיט רמזים.

פּאָעט — מיר ווילט זיך שרייען הויך—
גיב קלאָרע רייד, ניט קראַקע,
דו בלאָז אין פּנים מיר קיין רויך
ווען כ'גייט אַרום דיין קעניג נאַקעט...

---

אויף דעם לעבן פון אונדזער דור און אויף דעם לעבן פון קומענדיקע ייִדישע דורות. עס מיינט, אַז דאָס שטעטל, הגם פיזיש צעשטערט, דאַרף בלייבן די גייסטיקע גרונטלאַגע פאַר אַ רענעסאַנס, אַ ווידער־געבורט פונעם ייִדישן פאָלק.

דאָס פוילישע שטעטל איז פיזיש אומ־געקומען, אָבער דער גייסט פונעם שטעטל, די אייביקע ייִדישע ירושה איז נישט אונ־טערגעגאַנגען. זי שוועבט נאָך לעת־עתה הפקר אין די לופטן. דערמאָנען אונדז די ווערק פון דעמבלינען, אַז עס איז אונדזער אויפגאַבע, אונדזער הייליקע התחייבות, זי ווידער אַראָפּצוציען און אוועקשטעלן אין דער מיט פון אונדזער לעבן. מיר דאַרפן זיך ווידער אָנזעטיקן מיט ייִדישן גייסט, זיך אָנפילן מיט ייִדישקייט.

דעמבלינס און אונדזער אַלעמענס בענקשאַפט נאָכן שטעטל איז אין עצם די בענקשאַפט נאָך ייִדישקייט.

זלמן זילבערצווייג

# וואָלף מערקורס דריט בוך

וואָלף (אָדער וויליאַם) מערקור שטאַמט פון אַ זייער באַלעבאַטישער פאַמיליע אין וועלכער עס האָט זיך אַריינגעכאַפּט „שעטנז", אַקטיאָריש בלוט. ער אַליין איז דורך דעם געוואָרן אַ יידישער שוישפּילער, אַ שרייבער פון „ליריקס" און אַן איבערזעצער פון פּיעסן, דערנאָך אַ פּובליסיטי־מאַן פאַרן יידישן טעאַטער, און צוביסלעך אויך געשריבן אַ קאָלום וועגן יידישן טעאַטער און טעאַטראַלן אין נוסח פון וואָלטער ווינטשל, פּלוס משה נאַדיר, וואָס ער האָט שפּעטער צונויפגעשמאָלצן מיט גרעסערע אַרבעטן און אַרויסגעגעבן אין 1948 אונטערן נאָמען „מערקוריאָזן". אָט דאָס בוך איז געווען ביי אין אַלע הינזיכטן צווישן די אַנדערע טעאַטראַליע פון יענער צייט, אָבער קיין פּאַספּאָרט אין דער יידישער שרייבער־משפּחה האָט ער דורכדעם ניט באַקומען.

דער דאָזיקער גורל זיינער איז אויך ניט געענדערט געוואָרן ווען ער האָט, נאָך 12 יאָר, אין 1960, אַרויסגעגעבן זיין צווייט בוך: „די וועלט איז כעלעם," וואָס איז לחלוטין אַנדערש פון זיין ערשט בוך, וואָס איז געווען אַ טעאַטראַלישער מאָזאַאיק, בעת דאָס בוך כעלעם האָט געדינט צו איין „גאָט", צו דער קלוגער שטאָט כעלעם, דערצו אין פאָלקסטימלעכע גראַמען, אַ געמיש פון מאָדערניזם און אַ זכר פון בדחניזם און בראָדער זינגער. דער שרייבער פון די שורות האָט דעמאָלט אַרויסגעצויגן די שווערד פאַר מערקורן און אויפגעפאָדערט צו עפענען פאַר אים די טויערן פון דער אומשטערבלעכער יידישער ליטעראַטור.

איצט, נאָך 8 יאָר, האָט מערקור אַרויסגעגעבן זיין דריט בוך: „ווענט האָבן אויערן", וואָס גייט ניט נאָר צוריק צום כאַראַקטער, צו דעם מאָזאַאיקישן כאַראַקטער פון זיין ערשט בוך, „אַ קאָקטייל", נאָר איז קינסטלעריש נאָך מער צוריקגעגאַנגען פון זיין ערשטן בוך. אַוודאי איז עס ניט מער ווי מיינע אַ השערה, אָבער עס ווילט זיך מיר גלויבן, און דער מחבר מערקור, ווי אַ טעאַטראַל, וועט עס גיכער פון אַנדערע פאַרשטיין, אַז פּונקט אַזוי ווי אַ געראָטענע טעאַטער־פאָרשטעלונג נייטיקט זיך אין אַן עפנטלעכע גענעראַל־פּראָבע כדי צו דערפילן דעם פּולס פון אויפנאַם־כאַראַקטער ביים עולם, אַזוי זיינען אָפט פאַראַן שרייבעריין ביי שרייבער, וואָס פאָדערן אַ פריערדיקן קאָנטאַקט מיטן לייענער, דורך פּעריאָדיקע, איידער זיי קומען אַריין אין בוך־פאָרם. סיי דער לייענער קאָן אַמאָל דורכדעם פריער געבן זיין הסכמה אָדער אָפּזאָג און סיי דער מחבר אַליין קאָן דורכדעם אין צייט דערקענען אויף וויפיל זיין גייסטיק קינד איז שוין דערוואַקסן אָדער דאַרף נאָך גיין אין שול.

לאָמיר קודם כל אַ קוק אַריינגעבן אין מערקורס הקדמה, וואָס איז דער „אני מאמין" פון זיין בוך. ער זאָגט, אַז די הומאָריסטישע זאַכן האָבן אין זיך ערנסטקייט און די ערנסטע — אַ סאַרדאָנישן שמייכל, אָבער צווישן אָט די ביידע איז פּאַקטיש נאָר פאַראַן אַ דינע מחיצה. דאָס איז אמת. דער כאַראַקטער פון אַלע זאַכן, וואָס גייען אַריין אין דעם בוך, איז ניט נאָר אינהאַלטלעך אַזוי געמישט, נאָר דער אופן ווי זיי ווערן אַרויסגעבראַכט איז אויך אַזוי. דאָך איז דער סך־הכל, אַז אָט דאָס דריטע בוך מערקורס איז מער לינגוויסטיש ווי הומאָריסטיש און מער ליטעראַריש ווי סאַטיריש.

עס האָבן שוין אַ סך רעצענזענטן אויף די פריערדיקע צוויי ביכער אָנגעוויזן אויף מערקורס ספּעציפישע פעאיקייטן אויסצוקנייטשן יידישע ווערטער, אין זיי אַריינגעבן אַ נייעם טעם און אויספּלעכטן פון זיי נייע באַגריפן. אויך דאָס בוך גייט אין זעלבן וועג. גענוג אנצואווייזן אויף עטלעכע פון זיי, אַ שטייגער צו פאַרוואַנדלען דאָס וואָרט „צודרינגלעך" צו „צודראָנגלעך," אַ סינאָנים פאַר אַ „פּורציע"; „געפּרייט" פאַרן מיטן טיף־מיינענדיקן אויסדרוק „גע'פּרויד'ט"; צוגעבן איין אות „ד" צום וואָרט „וואָדעוויל", וואָס דריקט



דערמיט אויס זיין מהות — „וואָדעווילד", אָדער אַזעלכע באַצייכענונגען ווי „אַ גוטער קאָמיקער" — אַ „קלאָונפּרינץ", און „אַ שיינער זינגער" — אַ „זינגזאַציע", וואָס איז אַ צונויפבינד פון צוויי ווערטער — אַ זינגער און סענסאַציע.

מערקור איז אויך אַ מאדים אויף גראַמען־פלעכטעריי. דאָס ווייזט ער אַרויס אין די קלענערע און גרעסערע לידער, וואָס זיינען, מיט די אויסנאַמען פון צוויי־דריי לענגערע אַפּאָריזמען אין געגראַמטע שורות. די ריימען זיינען דורכויס ניט פון פּאָעטישע אויסדרוקן, נאָר פון טאָג־טעגלעכן, אַקטועלן לשון ווי „אַ גאַנצער הקרן — פון דאַקראַן", „כעמיש־אַנעמיש", „קאָקעטיש־סימעטריש", „פּלאַנירן־טראַנספאָרמירן", „כליפּעט־סקריפּעט", „קלאָר־הומאָר," „שקאַפּע־קנאַפּע", „פּיסקאַטש־קוואַטש", ווי אויך אַ גראַם אין אַ שידוך צווישן אַ יידיש־העברעאישן אויסדרוק, ווי „אָנגעפּלאַפּלט - אויסגע'מפּיל'ט", „בחוש־אַ קוש", „זוניק־מפונק", „רעש־קאָמיפּלאַזש."

דער איינאַקטער „וואו ביזטו געווען" איז זייער סאָפיסטיקעטיש, אַ מבול פון קונציקע סך־הכלען פון קפיצת־הדרכדיקע קאָמעדיעס. די מעשה „נישקא" איז געשריבן אָנשטאָט מיט סאַטירע און בייסעניש — מיט גיפט און גאַל, אָנשטאָט מיט הומאָר און שפּאַס — מיט כעס און גאַל, און איז אַ דיסאָנאַנס צום גאַנצן כאַראַקטער פון בוך. זייער שוואַך זיינען אויך די „לעקציעס פון דר. פישל הערינגביין."

איצט לאָמיר איבערגיין צו די מעלות פון בוך, און אַזעלכע זיינען גענוג פאַראַן, וואָס זאָלן באַרעכטיקן זיין זכות־הקיום. קודם כל די עטלעכע מער ערנסטע לידער, ווי דאָס כלומרשט הומאָריסטישע „ווענט האָבן אויערן", „יאוש", דאָס האַרציקע „דו ביסט דיין ברודערס היטער" און די פּרעכטיקע איבערזעצונג פון דעם מיט בלוט געשריבן ליד „לאָמיר תפילה טאָן", וואָס איז מער ווי אַ טראָפּן אין אונדזער יידישן בעכער פון חורבן.

הגם דאָס בוך טראָגט ניט קיין טעאַטראַלן לבוש, איז עס אָבער דאָך ניט פריי פון „טעאַטראַליא", און דאָ איז מערקור שטאַרק אין דער היים. זיין דערציילונג „צאַרטע געפילן", געבויט אויף אַ טעאַטראַלישע רכילות, איז די שוואַכסטע; אויך די שילדערונג פון דער אדלער־פאַמיליע איז ניט פון די גאָר געהויבענע. זאַכלעך איז די רעצענזיע אויף ליפּסאָנס ענגלישן בוך וועגן יידישן טעאַטער. גאַנץ אינטערעסאַנט זיינען די עטלעכע משפּחה־זכרונות; אויסגעצייכנט איז די שילדערונג פון באַקאַנטן שוישפּילער אַלעקסאַנדער גראַנאַך. זייער גוט און הומאָריסטיש איז די באַשרייבונג „זלמן קיכאָט און סאַנטשאָ מערקור." אמת, אַז בנוגע דעם בין איך אַ נוגע בדבר און מיין לויב איז אונטער אַ שטיקל חשד, אָבער איך קאָן שווערן ביים טעאַטער־גאָט „מעלפּאָמענאַ", אַז איך קאָן מיין „איך" דאָס מאָל פאַרבייגן און באַהאַנדלען דאָס אָנגעשריבענע ווי אַ דייטיקער לייענער, וואָס וועט זיכער אָנקוועלן פון די שילדערונגען פון דעם מענטשן־פּערסאָנאַזש, וואָס קומט דאָרט אַריין און גאַנץ באַזונדערס פון די „חכמות" וואָס אַ סך האָט מערקור מיר אַנטליען בעת זיי זיינען זיינע באַשעפענישן.

דאָס שטאַרקסטע פון גאַנצן בוך איז די שילדערונג און כאַראַקטעריזאַציע פון פון באַרימטן מאָריס שוואַרץ אַלס מענטש, שוישפּילער און רעזשיסער. מערקור, וועלכער איז אַ סך יאָרן געווען זייער נאָענט מיט שוואַרצן, האָט אים וואונדערבאַר קענען געלערנט מיט זיינע מעלות און חסרונות, און האָט זיי אָביעקטיוו, זייענדיק אין דער זעלבער צייט, כמעט רעכט, פאַרליבט אין אים, דאָך ערלעך און אמתדיק אַרויסגעבראַכט. שוואַרץ, וועלכער האָט ביים לעבן געהאַט אַ סך כבוד, אָבער ניט ווייניק אומזיסטע האַרצווייטאָגן דווקא פון די, וואָס האָבן אים געדאַרפט אָנערקענען און אויסדריקן זיינע אומגעהויערע פאַרדינסטן, האָט פון מערקורן באַקומען זיין „פּאָסט מאָרטום".

אַרום און אַרום איז אויך דאָס דריטע בוך פון מערקורן, אַן אינטערעסאַנט בוך, און הגם ער גייט גאַנץ אָפט אין די פוסטריט פון משה נאַדירן, איז ער אָבער אין אַן ערגערע לאַגע, ווייל נאַדיר האָט זיינע העלדן און געשעענישן פולשטענדיק „אויסגעדיכטעט", בעת מערקור נעמט זיין שטאָף פון פאַקטישן לעבן און איז דורך דעם געפּענטעט.

אליהו רייזמאַן

# דער שאָטן פון מיין זיידן

דער שאָטן פון מיין זיידן
האָט צוקאָפּנס מיין שלאָף זיך געשטעלט,
ווי פאַרהיטן מיך פון שלעכטס
ער וואָלט מיט דעם מיינען: —
ווער ווייסט, מיין אייניקל,
דו לעבסט אין אַ וועלט,
וואָס שטערן פון הימל
וועלן זי אַמאָל פאַרשטיינען.

דער שאָטן וואַקסט פאַנאַנדער
אין דער ברייט און אין דער לענג
און צייכנט אַרום מיר אַן עיגול: —
זיידע, זיידע,
מיט דיר איז מיר נישט ענג,
איך זע דיינע הענט
ווי לעבעדיקע פליגל.

דער שאָטן צום דוכענען
די פינגער הייבט אויף,
אַנטקעגן זיינע אויגן,
ווי ברענענדיקע שטערן.

מיין טויטער זיידע, האָב איך דען די ווערט
דורך דיר
געבענטשט צו ווערן ?

האָסט אַמאָל דיינע הענט
פאַר מיינע טריט געשפּרייט,
זיי זאָלן נישט נכשל ווערן.
אפשר ביסטו, זיידע, דורך אַש פון דער צייט
דעם חומש געקומען מיך פאַרהערן ?
אַלע גלויבנס האָב איך אויסגעגלייבט,
געבליבן אַליין אַן אָפּגענאַרטער גלויבן;
איך האָב אויף דיין קבר די לוחות צעשטויבט,
דו קומסט אין מיין חלום
די שערבלעך אויפקלייבן.



לילי בערגער / פּאַריז

# דוד ספאַרדס דריי ביכער פּאָעזיע

עס האָט מיר אַן אָנגעזעענער שרייבער געהאַט געזאָגט, אַז מיט דיכטונג איז דאָס אַזוי ווי מיט וויין, מען דאַרף נישט אויסטרינקען די גאַנצע פלאַש צו דערפילן דעם טעם, אָדער צו וויסן צי דער וויין איז גוט צי נישט. און לייענען דיכטונג דאַרף מען אויך ווי מען טרינקט וויין: צום בעסטן איז צו טרינקען צו ביסלעך, פון מאָל צו מאָל אַ גלעזל, אויב וועסטו מיט איין מאָל אויסטרינקען די גאַנצע פלאַש — האָט ער מיר געוואָרנט — וועט פאַרלוירן גיין דער אמתער טעם. אַזוי אויך דאַרף מען זיך נוהג זיין מיט לידער — האָט ער מיר געראָטן.

האָב איך יענעם שרייבער נישט געפאָלגט און איצט אויפסניי אין איין אָטעם איבערגעלייענט אַלע דריי ביכער לידער פון דוד ספאַרד. אמת איז, אַז דעם טעם דערפילט מען פון ערשטן ליד, אָבער וואָס ווייטער מען לייענט, אַלץ ברייטערע שטחים עפענען זיך פאַרן לייענער; ס׳איז אַזוי ווי מען וואָלט אַריינגעקוקט אין אַ טיפן לויטערן וואַסער אין וועלכן עס שפּיגלט זיך אָפּ דער אַרום, וואָס מער דו קוקסט, אַלץ מער דערזעסטו.

פאַראַן דיכטער און אַנדערע קינסטלער, וועלכע אַנטפּלעקן זיך נישט מיט איין מאָל. דאָס זיינען קודם כל די, וועלכע גייען מיט זיגזאַגישע וועגן ביז זיי געפינען זיך אָפּ. וויל מען תופס זיין די שאַפונג פון אַזעלכן, מוז מען זיך אַריינלעבן אין יעדער פאַזע זיינער באַזונדער. דוד ספאַרד געהערט צו די, וועלכע אַנטפּלעקן זיך מיט איין מאָל מיט זייער גאַנצער קינסטלערישער פּערזענלעכקייט, ניט מער וואָס דאָס וואָרט ביי אים ווערט דאָ און דאָרט קרעפטיקער, דער פערז ריטמישער, מעלאָדישער.

* * *

דוד ספאַרד געהערט צו דעם פאַרמלחמדיקן דור שרייבער. דערשינען אָבער ווי אַ רייפער דיכטער איז ער ערשט אין די לעצטע צען יאָר דורך יעדער פון זיינע דריי ביכלעך פּאָעזיע: „לידער" (1957), „אַ זעגל אויפן ווינט" (1961) און „באַרוועסע טריט" (1966).

דער דיכטערישער אָנהייב איז געווען אַ סך פריער. אַן ערשטלינג־ביכל האָט ספאַרד אַרויסגעגעבן אין 1929, דערנאָך אַן איבעררייס פון קרוב דרייסיק יאָר. דער איבעררייס איז אָבער נישט געווען קיין ליידיקער חלל, פאַרקערט, דער דיכטער דוד ספאַרד איז מיט לייב און לעבן געווען אַריינגעטאָן אין ליטעראַטור־קריטיק, וואָס האָט געהאַט דערשינען אין צוויי בענדער, פאַרנומען זיך מיט עסייאיסטיק און פאַרשידענע רעדאַקציאָנעלע אַרבעטן. די וועלכע האָבן אַ סך יאָרן פון דער נאָענט זיך צוגעקוקט צום טיכטיקן קולטור־טוער און רעדאַקטאָר פון די „יידישע שריפטן" און פון פאַרלאַג „יידיש בוך", צום עסייאיסט און ליטעראַטור־קריטיקער ספאַרד, האָבן געקענט האָבן דעם איינדרוק, אַז דוד רייסט זיך פון צייט צו צייט מיט געוואַלד אָפּ פון זיינע פילע באַשעפטיקונגען, כדי בלויז צו געפינען אַ שטיקל מקום מקלט אין זיין דיכטערישער מוזע. אַ סברה אָבער אַז ספאַרד איז אַלע מאָל ראשית כל געווען אַ דיכטער, נישט מער וואָס זיין דיכטונג האָט ער לאַנג אין זיך אויסגעטראָגן.

אין ספאַרדס דיכטונג פילט זיך די רייפקייט, דערביי איז זי, די דיכטונג זיינע, אַזאַ קלאָרע, דורכזיכטיקע, די פערזן פאַרמאָגן אין זיך אַ סך דיכטערישע סובלימאַציע און גלייכצייטיק אַ סך פשטות. די גאַנצע פּאָעטישע אַרכיטעקטור איז אַזאַ פשוטע, אָבער פשוטקייט באַדייט ניט דורכשניטלעכקייט. עס אָטעמט דאָ מיט פרישקייט, דער פערז פליסט פריי, אומגעצוימט, אַזוי נאַטירלעך און פריש־דערקוויקנדיק, ווי אַ באַרגיקער קוואַל.

דוד ספאַרד איז אַ רעאַליסט, אָבער זיין רעאַליזם איז ווייט פון דעם סקלעראָטישן רעאַליזם, וואָס פאַרמאַכט זיך און פאַרריגלט זיך אין באַגרענעצטע ראַמען פון אַ קאָנווענץ. זיין כוח ליגט הויפּטזעכלעך אין קאָנען דערבליקן מענטשלעכע גורלות, אינעם לויף פון צייט און גלייכצייטיק פשוטע שטילע בילדער פון טאָג־טעגלעכן לעבן ווען דאָס אַלץ איז פאַרזונקען אין

נישט לייכט דערגרונטעוועטע טיפקייטן, אינעם מיסטעריעזן פונעם לעבן, אָפט מאָל אין חשכות אין אונדזער צערודערטער צייט.

אין טשעכאָווס פיעסע „די מעווע“, זאָגט דער דאָקטער, דער הויז־פריינט, צום יונגן אָנפאַנגער־שרייבער אומגעפער אַזוי: טאַלאַנט האָסטו, אָבער אַ ציל דאַרף מען דערצו, אַ וועג. אָן אַ וועג וועסטו פאַרבלאָנדזשען. טשעכאָוו האָט דורכן מויל פון זיין העלד אויסגעדריקט זיין שרייבערישן אני־מאמין. דער גרויסער רוסישער שרייבער, דער טיף אַנגאַזשירטער, טיף אידייאישער, האָט געהאַלטן, אַז צו טאַלאַנט דאַרף מען נאָך עפעס.

דוד ספאַרד געהערט צו דער דאָזיקער קאַטעגאָריע שרייבער. ער איז אַנגאַזשירט אין זיין דיכטונג מיט לייב און לעבן. ער זינגט נישט סתם ווי דאָס פייגעלע זינגט. אפשר אויך דערפאַר איז זיין דיכטונג אַזוי אָנגעלאָדן מיט געדאַנק, מיט אינהאַלט.

און דאָס, דוכט מיר, דאַרף מען קודם כל אונטערשטרייכן. ס'איז מסתמא כדאי דאָס באַזונדער אונטערצושטרייכן איצט, ווען די היינטצייטיקע ד י כ ט ו נ ג ביי די אומות העולם, און אויך נישט זעלטן ביי אונדז, פאַרקריכט אָפט מאָל אין אירע זוכענישן אָדער מיט איר ווערטלעכער אַקראָבאַטיק אין אַ טעמפן ווינקל. לשם נייקייט אָדער מאָדערניזם פאַרלירט דאָס וואָרט, דער פערז, נישט נאָר די מעלאָדישקייט און האַרמאָניע, נאָר פשוט דעם אינהאַלט, ווען אָפט מאָל אַ צוזאַמענקלייב פון ווערטער זאָגן לחלוטין גאָרנישט.

ספאַרדס דיכטונג איז פול מיט מחשבה, מיט פילאָזאָפישן געדאַנק, מיט יידישער חכמה. יעדעס ליד, יעדער פערז איז אָנגעפילט מיט אינהאַלט, ווי צייטיקע זאַנגען מיט קערנער. ס'טרעפט צייטנווייז, אַז די טיפע מחשבה שפראָצט אַרויס אויפן חשבון פון דער גאַנצקייט פון פערז, אָבער דאָס געשעט גאָר זעלטן.

מען איז געוויינלעך ביים אַנאַליזירן אַ שרייבער זיך נוהג ביי אונדז צו קלאַסיפיצירן אים ערגעץ, וויניקסטנס אָנצווייזן וואו זיינע שפראָץ־וואָרצלען האָבן געשטעקט אָדער גאָר פון וועלכע פון אונדזערע קלאַסיקער ער האָט זיך איבערספּירירט. עס געשעט צומאָל, אַז אויב וויל מען עמיצן אַ פיינעם גלעט טאָן, איז ער, פאַרשטייט זיך, אַ נאָכפאָלגער פון פרצן. כ'וואָלט געוואָלט אויסמיידן יעטוועדע קלאַסיפיקאַציע פון דעם מין, אָבער אָנווייזן, דוכט מיר, דאַרף מען דאָך, אַז דוד ספאַרד דער דיכטער האָט געשעפט ראשית כל פון אונדזערע אַלטע מקורות, פון אַלטער יידישער חכמה און פון אַלטן פילאָזאָפיש־רעליגיעזן געדאַנק. אַ זון פון אַ רב, זיינען אים גוט באַקאַנט די אַלטע מקורות. ער ווייסט זיי צו פאַרפלעכטן מיט זיין אייראָפעאיש־וועלטלעכער קולטור און אויסצוזויגן אייביקע קלוגע אמתן און פשוט האַרציקע, מעלאָדישע יידישע ווערטער. אין זיינע לידער דיכטעט ער אויס די אייביקייט, דעם אין־סוף און מיר פילן ממש ווי אַלץ ענדערט זיך, פאַרגייט, ווערט צוריק געבוירן און דויערט. אויך דער מענטש, פונקט אַזוי ווי באַרג, טאָל און וואַלד.

...און כ'ווייס ס'איז דאָס לעבן
כסדרדיק געזאַנג
און דער טויט בלויז איבערגאַנג.

און ס'איז זעלטן, אַז דער מענטש און דער דיכטער זאָל זיך אַזוי אידענטיפיצירן מיט זיין דיכטונג. ספאַרד, דער שטענדיק יונגער, דער פאַרליבטער אין לעבן, זינגט אויס מיט אַזעלכע דינע און לירישע טענער דאָס געזאַנג פון לעבן. ער כאַפט עס אויף מיט זיין דיכטערישן אויער, און זיין דיכטעריש אויג דערזעט צומאָל ווי—

אין דעמער פאַרנאַכט
האָט אויפגעשיינט אַ בוים פון זיך אַליין.

דאָס איז נישט קיין הוראַ־פרייד און נישט קיין הוראַ־אָפטימיזם, דאָס איז די פרייד פון אַלטער חכמה, דאָס איז אַ קלוגשאַפט־פרייד, וואָס איז שטענדיק געמישט מיט אומעט און טרויער, פונקט ווי די פרייד און פיין פון אייביקער ליבע, וואָס איז איבער צייט, וואָס איז שטענדיק יונג. אָט ווי פלאַסטיש ער זינגט אויס די פרייד פון לעבן, אַז ס'באַקומט זיך ממש אַ שאַגאַליש בילד:

און כ'בין ווידער יונג,
אַ הייסער אומרו אין מיין האַרצן גליט.
מיין גרויער קאָפ זיך טונקט
אין וויטן צווייט.
און מיר ביידע אומגעריכט,



ווי פייגל איבער הייזער פליען,
און אונטער אונדז די גאַנצע ערד
אין ליכט
און אַלע ביימער בליען.

אויך די לידער וואָס זיינען אָנגעלאָדן מיט טיפן פילאָזאָפישן געדאַנק, פאַרמאָגן אַ שלל מיט געפילן, עמאָציעס. ביי ספאַרדן איז נישט פאַראַן קיין טרוקענע מחשבה; יעדעס ליד איז אָנגעגליט מיט הייסן געפיל. דער פילאָזאָפישער געדאַנק וועגן וועלט און מענטש הויבט זיך אַרויס פון עמאָציאָנעלן, פונעם טיף איבערגעלעבטן און דערפאַר פאַרמאָגט ספאַרדס דיכטונג אַזאַ לירישע קראַפט. אַ באַזונדערן חן פאַרמאָגן די ליבע־לידער פון וועלכע עס שטראַלט אַזוי פיל צאַרטקייט, בשמהדיקייט, ממש צניעותדיקע תמימותדיקייט, און גלייכצייטיק זיינען זיי אַזוי שפילעוודיק, יוגנטלעך־שטיפעריש.

פון צווישן דעם פריידיקן און לויטערן געזאַנג הילכט נאָך שטאַרקער אָפ דער אויסברוך פון פאַרשטיקטן ווייטיק, וואָס שטאַמט פון די לידער, געווידמעט אונדזער נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפע. זיי פאַרנעמען אין ס פ אַ ר ד ס דיכטונג אַ באַדייטנדיק אָרט. די יידישע נאָך־מלחמה דיכטונג איז אין איר גרעסטן טייל אַ חורבן־דיכטונג. דוד ספאַרדס חורבן־לידער זיינען פון אַ באַזונדערן מין. בדרך כלל איז ספאַרד אַלע מאָל אויסגעהיטן פון נאַטוראַליסטישע שילדערונגען. דאָ שילדערט דער דיכטער נישט דירעקט, דעם אומקום, ווי ער וואָלט זיך אויסגעהיטן נישט צו פאַרשוועכן דאָס מענטשלעכע לשון מיט יענע גרוילן. מיר דערפילן דעם גרויסן אומגליק דורך זיין אייגענעם גרויסן ווייטיק:

אַלע מיינע טעג זיינען יאָרצייט־טעג
פאַר אייער הייליקן זכרון
און אַלע נעכט — מצבות שטומע
אויף אייערע פאַרשעמטע קברים.

און מיר דערזעען דעם גרויסן בראָך דורך די שאָטנס, וואָס וואַנדערן אַרום אויף דער אויסגעברענטער ערד, „וואו עס זיצן נאָך שבעה די מאַרקן“, און וואו דער גרויסער וויי און אומענדלעכער פיין —

האָט אָפגעשטעלט די צייט
ווי עס שטעלט אַן אָפגרונט אָפ דעם
לויף פון וועג,
ווי פינצטערניש פון נאַכט פאַרמעקט
די ווייט.

אַזוי וואַנדערט דער דיכטער אויף די שפורן פון די פאַרטיליקטע, איבער שטעטלעך און וועגן, „ביי ליימיקע בערגלעך און גריבער,“ אומעטום גייען אים נאָך „די ריחות פון לייבער פאַרקוילטע“ און ער פרעגט אין זיין גרויסן צער:

ווי קענען פייגל פליען
איבער אַשוויטשימער ערד?
און מיט קינדער־בלוט גענערט
ווי קענען ביימער בליען?

ס'איז נישט קיין פאַסיווער צער און ווייטיק. דער דיכטער מאָנט חשבון, וואָרנט „נישט צו פאַרגעבן און נישט צו פאַרגעסן,“ ווי ער פאָדערט דאָס מיט קראַפט אין זיינעם אַ ליד, אָדער ווי ער דיכטעט אויס דעם צאָרן און די קללה אין אַן אַנדער ליד אין אַזעלכע פערזן:

...ווער עס וועט דעם מערדערס נאָמען
איבער אַלע צייטן נישט פאַרשעלטן
זאָל די צונג קלעפן צו דעם גומען,
זאָל ער זעלבסט פאַרשאָלטן זיין
פון אַלע וועלטן!

אויך אין אָט־די לידער איז ספרד אַ דיכטער אַ דענקער. ער דערזעט דעם חורבן ווי אַ רינג אין אַ לאַנגער קייט יידישע ליידן, וואָס ציען זיך דורך גזירות, פאָגראָמען ביז טרעבלינקע. אין דעם פרט דערמאָנט ער אונדז די געשיכטלעך באַגרינדעטע איינשטעלונג פון נישט לאַנג פאַרשטאָרבענעם גרויסן יידיש־פראַנצויזישן געלערנטן און היסטאָריקער זשיל איסאַק, וועלכער האָט באַהויפטעט, אַז די היטלעריסטישע רציחות איבערן יידישן פאָלק האָבן געהאַט זייער אָנהייב אין די קרייצצוגן און אין אַלע אַנדערע מאָרדן און גזירות לגבי יידן אין דער קריסטלעכער וועלט. אַנדרעי שוואַרץ־באַרט האָט אויף אַזאַ געשיכטלעכער איינשטעלונג אָנגעשפאַרט זיין באַרימט בוך „דער לעצטער פון די למד־וואָווניקעס.“ דאָס באַדייט לחלוטין נישט, אַז ספאַרד האָט ביי עמיצן גענומען זיין געדאַנק וועגן די כסדרדיקע „פאַרגיטונגען“ פון די דורותדיקע יידישע ליידן. אגב גרייכט ער מיט זיין וויזיע ווייטער, אין דעם ליד „חלום חלמתי“ איז די וויזיע דערשיטערנדיק אין איר אויסקלאַנג און אויסשפרייט.

דער דיכטער דוד ספאַרד פאַרמאַכט זיך אָבער קיינמאָל נישט אין זיין צער און ווייטיק. יאוש איז אים פרעמד. פונקט ווי פאַרגיין און אויפקום באַגלייטן זיך אומאויפהערלעך, אַזוי אויך טרויער און פרייד. פונעם תהום פון אומקום, פון אַלע שווערע נסיונות פינקלען אַלע מאָל אויף ליכטיקע שטראַלן פון בטחון. טייל מאָל קלינגען זיינע ווערטער ממש נביאיש, ווי אין דעם ליד „ביבליש“:

אויב פון פופציק וועט אַ העלפט
נאָר בלייבן,
אַ העלפט וואָס וועט דעם גלויבן
נישט פאַרלירן,
אַז ס'וועט דער טאָג די שאָטנס
נאָך פאַרטרייבן,
וועט די העלפט נאָך ווייטער דויערן.
...און אויב—איך וויל מיין אומרו
נישט באַהאַלטן,
עס וועט די קייט פון דורות ווייטע
אַ רינג אַ קליינעם בלויז דערהאַלטן
דאַן וועט דער רינג זיין כולל אַלע צייטן.

קיום, פאָלקס־המשך זיינען טיף פאַרוועבט מיט אַלע פיבערן אין דיכטערס האַרץ. די נאַציאָנאַלע טענער קלינגען אין ספאַרדס דיכטונג אַלע מאָל דרייסטער און דערמוטנדיקער. און אויך אויפריכטיק חשבון־הנפשדיק. מיט וויפיל קראַפט און ציטער הילכן אָפּ אין אונדזערע הערצער אַט אַזעלכע ווערטער:

אָ לעבן מיינס ווי אַ קוואַל פון
אונטערדריקטע פלאַסטן
האָסט אַ רעד געטאָן אין מיר מיט
גורלדיקער שטים
און ס'וויל נישט מיין געביין זיך שטיקן
מער אונטער פרעמדע לאַסטן
און מיין גערזיכט — פאַרמעקט זיין
אונטער אַ פרעמדן גרים.

צו קאָמענטירן דאָס איז איבעריק. עס ווילט זיך ליבערשט ציטירן און ציטירן, לאָזן דעם דיכטער אַליין רעדן מיט זיינע פערזן אין וועלכע עס זענען פאַרפלאָכטן אַזעלכע גליאיקע געפילן מיט טיפע געדאַנקען. טאָ לאָמיר אים ווייטער הערן:

אַ פונק האָט אָפּגעריסן זיך פון פלאַם,
אַ טראָפּן איז אַנטלאָפן פונעם ים,
צו לעבן גאווהדיק פאַר זיך אַליין
און דאָס איז זייער סוף געווען.

און ווייטער:

אין דיר מיין פאָלק איך בין
יאָרטויזנטער שוין אַלט
און יעדער קלאַנג איז שיין,
און יעדעס וואָרט געשטאַלט.
אָפּגעשיידט פון דיר, איך בין
אַ רגע בלויז,
אַ שאָטן וואָס פאַרשווינדט,
אַ שטומער אות.

דוד ספאַרד איז טיף נאַציאָנאַל און טיף אַלמענטשלעך, אוניווערסאַל. און אַן אַבסורד איז צו מיינען, אַז איינס שליסט אויס דאָס צווייטע; פאַרקערט, איינס דערגאַנצט דאָס צווייטע. בלויז אין שמאָלע הערצער און איינגעשרומפּענע מוחות קאָנען נישט נעסטן צוזאַמען קיין אַנדערשקייטן און פאַרשידנקייטן. אין ספאַרדס יידיש האַרץ ווייברירן די פאַרשיידנסטע סטרונעס אין איינקלאַנג, פונקט ווי עס שפּאַנען ביי אים צוזאַמען טרויער און פרייד, ווי עס פלעכטן זיך דורך אין זיין דיכטונג חורבן און טרייסט, שווערע אַנטוישונגען און טיפער גלויבן.

...ווייל יעדעס האַרץ פאַרמאָגט זיין מאָס
און יעדעס האַרץ פאַרמאָגט זיין גרויס
און ס'קאָן אויך טרויער זיין מיט טרייסט
און ליבשאַפט שטאַרקע מיט פאַרדראָס.

ספאַרדס דיכטונג איז פריש ווי דער מאָרגנטוי און פילפאַרביק ווי דער רעגנבויגן, און ווי אַ רעגנבויגן, וואָס שימערירט אויף אויך אַ פאַרוואָלקנטן און מיט זון באַשטראַלטן הימל, אַזוי איז זי איינגעטונקען אין וואָלקנס טרויער און אין זוניקן טרייסט. די וואָלקנס זיינען אָבער קיין מאָל נישט ביכולת צו פאַריאָגן די זונען־שטראַלן. די דיכטונג פון דוד ספאַרד איז שטאַרקער גלויבן אין מענטש, גלויבן אין אַ געהויבענעם מענטשלעכן אידעאַל, וואָס וועט סוף־כל־סוף ברענגען מענטשן דערלייזונג אָט ווי ער דיכטעט וועגן דעם אין זיינעם אַ ליד וועגן אַ לעגענדע איבער אַ זילבערנעם קוואַל אַ געפאַנגענעם אונטער אַ שטיין:

דאָס דויערט שוין לאַנג
יאָרטויזנטער באַלד
די טעג ווערן קראַנק,
די טעג ווערן אַלט,
נאָר אין האַרצן דעם גלויבן זיי טראָגן
אַז אין איינעם אַ שיינעם באַגינען
זיי וועלן צום שטיין זיך דערשלאָגן
און דעם זילבערנעם קוואַל דאָרט
געפינען.



## אסתר שומיאַטשער-הירשביין

# פּרץ — ליפּעס זון

(צו דער צוואַנציקסטער יאָרצייט פון פרץ הירשביין ז"ל)

דו ביסט געשטאָרבן —
דיין שאָטן איז אין די בליענדיקע פרוכטביימער.
עס זענען דאָ די וואָס געדענקען
דיינע באָרוועסע טריטביים סטאַוו;
דער האַרבסט־ווינט און דער גאָלדענער בלעטערפאַל;
די ווילדע קאַטשקעס אין פרילינג,
מיט ווייטקייט אין זייערע אויגן;
די אָלשענעביימער;
דאָס פלעסקען פון די פיש וואָס האָסט געכאַפּט מיט די הוילע הענט
פאַר דער מאַמע שיינע אויף שבת...

דאָס בלוט שפּילט מיט פייער ביים דערמאָנען דיין נאָמען.

די גרין־בלויע וואַסערן — לאַ־פּלאַטאַ, וואָלגאַ, דניעפּער —
דורשטיק פלעגסטו אָנשעפּן פולע הויפנס און טרינקען זייערע וואַסערן מיט
יינגלשער התפעלות!

כנרת, ירדן —
און קליינע ריטשקעלעך, וואַסערלעך,, ניט־געזעענע, ניט־באַמערקטע,
וואָס טראָגן זיך מיט יונגן כוח דורך די אוראַלטע וועלדער.

די פרייליכע טענע ביי די פּאַרי'ער בולוואַרן;
דער בלינדער וואַסער־כוח אין די טיפענישן פון די גאָלדגרובן אין אַפריקע
אין געיעג צו דער זון.
האָדסאָן, מיט די ברייטע אַקסלען צעזונגען
מיט גבורה פון אַ נייעם קאָנטינענט — — —
אַ מ ע ר י ק ע !

און דאָס טייכל ביי ליפּעס מיל;
דער סטאַוו,
דאָס פראָסטיקע געזאַנג ביינאַכט,
ווען דעם אייז איז ענג געוואָרן אין די איינגעקאָוועטע ריפּן —
די שפּירונג פון גורל אין דיין האַרצן...

דו ביסט געשטאָרבן.
דיין יוגנט קען ניט פאַרגיין —
זי איז אומעטום —
אין דעם פרילינג געשריי פון יונגע בלעטער,
דיין לבנה־גוף — דאָס ברומען פון אַ טשעלאָ געזאַנג.

ניט צו פֿאַרגעסן
זעגנען די גרינע פֿעלדער פֿון דיין האַרצן.

די האָניק־יאָרן פֿון דיין קינדהייט
שפּילן זיך אין די זון־פּלעקן —
זיי היפּערן און שטיפֿן ווי פֿאַרשייטע חדר־יינגלעך.

דער ווינט שפּילט אין די בלעטער,
ווי דער גורל מיטן מענטש.

---

עמוס הירשביין / ניו־יאָרק

# מיין פֿאָטער פּרץ, ז״ל

(צו זיין 20טער יאָרצייט)

צו מיין צער איז פֿאַר מיר נישט מעגלעך צו געבן אַ פֿול, אויסשעפּנדיק בילד פֿון מיין טאַטן, דעם גרויסן יידישן שרייבער. ער איז דאָך אַוועק פֿון דער וועלט ווען איך בין נאָך געווען אַ גאָר יונג בחורל, כמעט אַ יינגל נאָך. דערצו איז ער די לעצטע פּאָר יאָר פֿון זיין לעבן געווען נישט געזונט. און דאָס זיינען געווען שווערע יאָרן פֿאַר אים, פֿאַר מיין מאַמען, פֿאַר מיר און פֿאַר אונדזער גאַנצער משפּחה.

מיינע פּערזענלעכע זכרונות פֿון מיין טאַטן, פּרץ הירשביין, זיינען אַנדערע. זיי זיינען קודם כל יונגע און דערפֿאַר — פֿול מיט וואונדער. מיין טאַטע האָט געשריבן, געווען פֿאַרטאָן אין זיין שאַפֿן גראָד אין די שעהן ווען איך בין געווען אין שול. ווען איך בין געווען אין דער היים, האָט ער מער געהאַט צו טאָן מיט מיר, ווי איך — מיט אים. מיין שטאַרקסטער איינדרוק דעריבער וועגן מיין טאַטן איז נישט פֿון אַ שרייבער, נאָר ווי פֿון אַ נאַטור־מענטש, אַ נאַטור־פֿאָרשער און נאַטור־קענער.

ווען איך בין געווען אַ קינד, בין איך, ווייזט אויס, קיין גרויסער ידען פֿון ליטעראַטור נישט געווען, און מיין פֿאָטער האָט מיך דעריבער אין יענע יאָרן געפֿירט און אַריינגעפֿירט נישט אין דער ליטעראַרישער וועלט, נאָר אין דער וועלט פֿון ביימער, גראָזן, בלומען, חיות, אינזעקטן, שפּינען און בינען. — הקיצור — נאַטור!

דער טאַטע פֿלעגט מיך מיטנעמען אויף לענגערע שפּאַצירן אין די בערג. זיינע שפּאַצירן מיט מיר זיינען געווען נישט גלאַט שפּאַצירן, נאָר לעקציעס, אָנווייזונגען אויף נאַטור־וואונדער. ביז היינט־צו־טאָג איז ביי מיר פֿאַרבליבן אַ טיף־רירנדיקע באַציאונג צו נאַטור און צו אירע וואונדער. עס איז אויך גוט געווען צו זען ווי די מאַמע איז אויך געוואָרן אַ תּלמידה, ווי זי וואָלט געזעסן צוזאַמען מיט מיר אין קלאַס און זיך צוגעהערט צו דעם נאַטור־לערער.

אין אונדזער דירה אין ניו־יאָרק, געדענק איך, זיינען געווען אַלערליי פֿלעשער און סלאָיעס. דאָרטן האָבן זיך געפֿונען כלערליי שפּינען, בינען און אינזעקטן, וואָס דער טאַטע האָט זיי געשטודירט טאָג־אויס טאָג־איין, און באַזונדערס — ביי נאַכט. אַלערליי מינים שפּינען האָבן דאָרטן געווימלט, פֿון די סאַמע קלענסטע, וואָס מען האָט קוים באַמערקט מיטן אויג, ביז די גרויסע „וועלף־שפּינען״, ווי דער טאַטע האָט זיי גערופֿן, וועלכע זיינען טעטיק נאָר ביינאַכט. מען ווייסט דאָך אַז דער טאַטע האָט אָנגעשריבן אַ בוך וועגן שפּינען, וואָס ווי מען מען זאָגט, האָט עס אַ גרויסן וויסנשאַפֿטלעכן ווערט.



ווען מיר זיינען געקומען קיין קאַליפֿאָרניע און זיך באַזעצט אין אונדזער היים אויפֿן באַרג, צווישן ביימער און פֿלאַנצן, האָבן אונדזערע נאַטור־קלאַסן אָנגענומען אַן אַנדערן כאַראַקטער און אויסזען. מיר האָבן נישט באַדאַרפֿט גיין אין די בערג צו באַטראַכטן דאָס לעבן פֿון דער נאַטור. די מאַמע און איך האָבן גענומען פֿאַרפֿלאַנצן אַלערליי קאַקטוסן פֿון דעם מדבר. אַלע מאָל האָבן מיר געפֿונען נייע חידושים. מיר האָבן זיך אויך באַקענט מיט נייע חיהלעך מכל המינים. מיין טאַטע האָט אין קאַליפֿאָרניע געפֿונען אַ שפּין, וואָס איז גרעסער פֿון דער וואָלף־שפּין — דאָס איז די טאַראַנטולאַ. זי וואַקסט אויס אָפֿט ביז צו דער גרויס פֿון אַ טיי־טעצל.

דער טאַטע איז אויך געווען אַ קענער פֿון שלאַנגען. ער האָט מיך געלערנט ווי צו דערקענען אַ גיפֿטיקע שלאַנג, לויט דעם פֿאָרעם פֿון איר קאָפּ. דער טאַטע האָט מיר געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז די נישט־גיפֿטיקע שלאַנגען זיינען זייער נוטיק, ווייל זיי פֿרעסן אויף אַלערליי שעדלעכע משחיתים.

און ווי שיין דער טאַטע פֿלעגט מיר דערציילן וועגן פֿייגל — סיי וועגן אַן אָדלער און סיי וועגן טייבעלעך. ער האָט גערעדט וועגן זיי אַלעמען ווי ער וואָלט אַליין געווען עפּעס אַ מין גרויסער און זייער קלוגער פֿויגל.

דער טאַטע האָט זיך אויך ניט באַנוגנט מיט דער ערד־נאַטור. איך געדענק ווי מיר זיינען געזעסן אין פֿלאַנעטאַריום אויף די בענקלעך און גלייכצייטיק געפֿלויגן אין די הויכע הימלען, ווען דער פּראָזשעקטאָר האָט געוויזן דעם גאַנג פֿון די שטערן. קינדוויז האָב איך געפֿילט, אַז איך בין איינער פֿון די שטערן אין די הימלען, וואָס פֿינקלען פֿון דער ווייטנס. דאָס האָט מיך יינגלוויז אַוועקגעפֿירט אין פֿאַנטאַסטישע וועלטן, וווּ עס זיינען דאָ וואונדער איבער וואונדער.

דורך זיין גרויסער ליבע פֿאַר שיינע עסטעטישע זאַכן, איז דער טאַטע דערגאַנגען צו גרויסער ליבשאַפֿט און פֿאַרשטענדעניש פֿאַר מוזיק. ער האָט קיין נאָטן נישט געקענט לייענען, אָבער ער האָט גוט געשפּילט אויף דער פּיאַנאָ. ער האָט זייער שיין אימפּראָוויזירט אייגענע געזאַנגען און מאָטיוון. איך האָב רעקאָרדירט אַמאָל זיין פּיאַנאָ־שפּילן. לעצטנס פֿאַרשטיי איך זיינע ניגונים בעסער און זע, אַז זיי האָבן אַ ווערט, אַן אייגענעם ריטם און כאַראַקטער.

עס דערמאָנט זיך מיר, ווי דער טאַטע פֿלעגט דיקטירן דער מאַמען. ער האָט גערעדט און זי האָט געשריבן. וואָס ער האָט גערעדט האָב איך נישט פֿאַרשטאַנען, אָבער איין וואָרט איז מיר געבליבן אין זכרון, ווייל איך האָב עס גוט פֿאַרשטאַנען. ער פֿלעגט אָפֿט זאָגן „גענדזן־פֿיסלעך״, און דאָס דאָזיקע וואָרט האָט מיך גערייצט — גענדז און פֿיסלעך — דאָס האָב איך, מיט מיין קינדערשן פֿאַרשטאַנד, געכאַפּט און באַגריפֿן — גענדזן־פֿיסלעך — גענדזענע פֿיס!

אַרום אונדזער הויז אין קאַליפֿאָרניע האָבן מיר אַ קליינעם „פּול״, אַ וואַסערל, וווּ עס שווימען אַרום צווישן פֿלאַנצן קליינע פֿישלעך. דער טאַטע פֿלעגט אָפֿט שטיין, קוקן און קוקן און זיך נישט קאָנען אָפּרייסן. די מאַמע האָט מיר געזאָגט, אַז דער טאַטע פֿלעגט זיך דאַן דערמאָנען אָן דעם סטאַוו ביי דער מיל, וווּ ער איז געבוירן געוואָרן און אויסגעוואַקסן.

ווען מיר פֿלעגן מיטן טאַטע, בעת אַ שפּאַציר, אָנטרעפֿן אַ שפּינוועבס, און דער טאַטע האָט געוואָלט ווייזן מיר די שפּין, האָט ער זייער צאַרט מיט אַ שטרויעלע אָנגערירט די שפּינוועבס, זי וויברירן אַזוי אַז די שפּין זאָל מיינען אַז אַ פֿליג האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין נעץ. זי פֿלעגט טאַקע אַרויס פֿון איר באַהעלטעניש, און מיר האָבן נאָכגעקוקט אירע באַוועגונגען.

ווען איך האָב געשפּילט פּיאַנאָ, האָט מיין טאַטע זייער אויפֿמערקזאַם זיך צוגעהערט. ער איז געווען זייער צופֿרידן וואָס איך שפּיל. איך געדענק גוט ווי איך האָב אין אַזאַ פֿאַל, ווען עס זיינען געווען געסט, געשפּילט דעביוסיס „קלעיר דע לון״. דער טאַטע איז געווען פֿון דעם שטאַרק גערירט.

דעם טאַטנס אייניקע זאַכן האָב איך געלייענט שוין שפּעטער. און ערשט דער־

לייזער מעלצער / אָוקלאַנד, קאַליפֿ.

# ניי בוך וועגן דער געשיכטע פוז ייִדן אין קאַליפאָרניע

אַ פיין בוך וועגן דער געשיכטע פון ייִדן אין קאַליפאָרניע איז לעצטנס דערשינען אין דעם פאַרלאַג פון אַרטור ה. קלאַרק קאָמפּאַניע, אין גלענדייל, קאַל״פ. דער מחבר פונעם בוך איז מאָרטאָן ב. סטערן. דאָס בוך האָט נאָר 157 זייטן און קאָסט $17.50. עס איז אַ ביבליאָגראַפיש בוך, וואָס נעמט אַרום איבער הונדערט יאָר ייִדישע געשיכטע אין קאַליפאָרניע.

געוויינטלעך, ווערט אַזאַ קיצור געשיכטע, וואָס נעמט אַרום אַזאַ לאַנגן פּעריאָד און וואָס האָט אַ וועלט מיט אינפאָרמאַציע, ווערט פאַרפאַסט פון אַ גרופּע פּראָפעסיאָנעלע היסטאָריקער. איז אָבער אַ פאַקט, אַז מאָרטאָן סטערן האָט דעם בוך פאַרפאַסט אין אַ רעלאַטיוו קורצער צייט, דערצו איז ער בכלל ניט קיין פּראָפעסיאָנעלער היסטאָריקער, אָבער עס ווייזט אויס אַז דער מחבר האָט אַריינגעלייגט אַ סך געדולד און ליבע פאַר אָט דעם פּראָיעקט. דאָס בוך איז פיין געדרוקט און, ווי געזאָגט, עס פאַרמאָגט אַ ים אינפאָרמאַציע.

פאַר די וועלכע שטודירן דאָס ייִדישע לעבן אין קאַליפאָרניע איז דאָס בוך אַן אוצר מיט אינפאָרמאַציע. עס גיט נאָר איבער קורצע פאַקטן וועגן דער געשיכטע פון ייִדן אין קאַליפאָרניע, אָבער בײַ יעדן פאַקט שיקט ער אָפּ צום קוואַל פון וואַנען דער פאַקט איז גענומען געוואָרן.

עס איז אַ גאָר פיינער בײַשטייער צו דער געשיכטע פון מערב אַמעריקע זינט עס איז אין 1916 דערשינען מאַרטין א. מייערס זאַמלונג פון היסטאָרישער און ביבליאָגראַפישער געשיכטע פון די ייִדן אין דעם טייל אַמעריקע.

סטערן האָט זיך געגריבלט אין די זאַמלונגען פון קאַליפאָרניער ביבליאָטעקן (אויך אין דריי פון די ייִדישע ביבליאָטעקן אין מזרח אַמעריקע) און פון דאָרטן האָט ער אַרויסגענומען אַ שלל מאַטעריאַל מכוח הונדערט און צוואַנציק יאָר ייִדיש לעבן אין קאַליפאָרניע בכלל, ווי אויך די באַזונדערע נעמען פון די יחידים, אָרגאַניזאַציעס און פאַריינען, וועלכע האָבן געשאַפן, באַאיינפלוסט און באַווירקט אויף דעם ייִדישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין קאַליפאָרניע ביז איצט און אפילו ביז היינטיקן טאָג.

דער מחבר האָט אַרויסגעגעבן 550 פאַסירונגען און פאַקטן פון דעם ייִדישן לעבן אין קאַליפאָרניע פאַר די לעצטע 120 יאָר און צו יעדער פאַסירונג, וואָס ווערט איבערגעגעבן בקיצור, בלויז אין פופציק ביז ניט מער ווי הונדערט ווערטער, ווערט איבערגעגעבן די ביבליאָגראַפיע פון אָט־דער געשעעניש, אין וועלכן בוך מען געפינט עס און אויף וועלכער זייט. אַ חוץ דעם ווערט אפילו אָנגעגעבן אין וועלכע עפנטלעכע אָדער פּריוואַטע ביבליאָטעקן געפינט זיך דאָס אָנגעגעבענע בוך. סטערן האָט זיך ניט נאָר געגריבלט אין ביכער, וואָס זיינען שוין לאַנג ניטאָ אויפן ביכער־מאַרק, נאָר



אויך אין פּעריאָדישע און ניט־פּעריאָדישע זשורנאַלן און פאַמפלעטן. אַ חוץ דעם האָט ער געהאַט אַ היפּש ביסל פּערזענלעכע אינטערוויוען מיט מענטשן, וועלכע זיינען מיט די ענינים באַקאַנט. ער האָט אין דעם בוך „רעפערענסעס" וועגן די ערשטע „סעטלערס" אין סאַן פראַנציסקאָ, ווי יהושע אברהם נאָרטאָן, דער פּאָליטישער פירער אַברהם רועף; ער האָט אין בוך קורצע ביאָגראַפיעס פון אַדאָלף סוטראָ, ליוויי סטראַוס און אַנדערע; די געשיכטע פון בענעוואָלענט סאָסייעטיס, בית־עולמס און קאָנגרעגיישאַנס.

אין דעם בוך ווערט דערציילט אַז אַ סך שטעטלעך אין קאַליפאָרניע ווערן גערופן אויף נעמען פון פּראָמינענטע ייִדן, ווי די שטעטלעך „ביוועך", „האַמבורג", „ניומאַ" און דאָס שטעטל ניומאַרק, און ער גיט איבער ווער עס זיינען די ייִדן וואָס האָבן דעם כבוד פאַרדינט אַז מען זאָל די שטעטלעך אָנרופן אויף זייערע נעמען.

אין בוך איז דאָ אַן אָפּטייל, וואו עס ווערט אַרומגערעדט וועגן 36 ייִדישע צייטונגען, וואָס זיינען דערשינען אין קאַליפאָרניע זינט 1856. צוואַנציק פון זיי אין לאָס אַנגעלעס און זעכצן אין סאַן פראַנציסקאָ־אָוקלאַנד.

אין בוך זיינען אַריינגעבראַכט פּראָטאָקאָלן פון בני ברית גרענד לאַדזש אין סאַן פראַנציסקאָ; פּראָטאָקאָלן פון אַ קאָנווענשאָן פון אַן אָרגאַניזאַציע וואָס האָט עקזיסטירט מיט הונדערט יאָר צוריק אונטער דעם נאָמען: „קשר של ברזל"; צעטלען פון מיטגלידער און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס וואָס האָבן עקזיסטירט מיט הונדערט יאָר צוריק און זיינען שוין מער ניט פאַראַן. עס ווערט דאָרט דערמאָנט דער אַרבעטער רינג, דער פאַרבאַנד, אַ גרויסע צאָל פון שולן און טעמפּלען און ווער זייערע רבנים זיינען געווען.

נאַטירלעך, אפילו דאָס בעסטע ווערק קען ניט אַרויסקומען אָן פעלערן. למשל, עס פעלן דאָרט די נעמען פון ביבליאָטעקן וואו עס געפינט זיך נאָך עד היום אַ היפּש ביסל עקזעמפּלאַרן פון אַמאָליקע ייִדישע צייטונגען און זשורנאַלן, ווי דער מאַגנעס מוזעאום, באַנקראָפט ביבליאָטעק און די קאַליפאָרניע היסטאָריקעל סאָסייעטי.

מ'קען אויסרעכענען אַ היפּש ביסל זאַכן, וואָס עס פעלן אין אָט דער זייער פיינער קורצער געשיכטע פון ייִדן אין קאַליפאָרניע. ווען מען נעמט אָבער אין באַטראַכט, אַז איין מענטש, מיט ווייניק הילף, האָט אויפגעטאָן אַזוי פיל וויפיל עס איז אַריין אין בוך, איז דאָס אַ גרויסער אויפטו.

דאָס וואָס מאָרטאָן סטערן האָט אויפגעטאָן אויף דעם געביט פון אויפזאַמלען פאַקטן וועגן דער ייִדישער געשיכטע, די גרויסע נוצן וואָס עס וועט ברענגען פאַר די סטודענטן פון דער ייִדישער געשיכטע אין קאַליפאָרניע, איז פון אַזאַ גרויסן ווערט, אַז מען דאַרף אים פאַרגעבן אַלע חסרונות. בײַ אַ צווייטער אויפלאַגע פון בוך, וואו, האָפנטלעך, אָט די אַלע חסרונות וועלן אויסגעבעסערט ווערן.

ביז איצט, ווען מען האָט געוואָלט האָבן די געשיכטע פון ייִדן אין אָט דעם טייל פון אַמעריקע, האָבן סטודענטן געדאַרפט זיצן וואָכן און וואָכן, טעג און נעכט און זוכן דעם נייטיקן מאַטעריאַל. איצט האָט דאָס דער מחבר פאַר זיי צוגעטראָגן אויף אַ גאָלדענעם טאַץ.

צווישן די חסרונות אין בוך איז אויך דאָ וואָס עס ווערט ווייניק געבראַכט פון דעם וואָס עס האָבן אויפגעטאָן די רבנים און ראַבייס אין קאַליפאָרניע, אויף דעם געביט פון אָרגאַניזירן דעם ייִדישן לעבן דאָ הי. אָבער, ווי געזאָגט, ווען מען זעט וואָס מיט ווייניק הילף האָט מר. סטערן אויפגעטאָן, קומט אים אַ דאַנק און מען מעג פאַרזען דאָס וואָס פעלט.

---

נאָך פאַרשטאַנען און באַגריפן וואָס מיין טאַטע האָט געשריבן. פאַר מיין אַרבעט, ווען איך האָב געענדיקט די מיטל־שול, האָב איך גענומען די טעמע: „די קינדער־זכרונות בײַ שלום עליכם און פּרץ הירשביין."

איצט טראַכט איך, אַז די צוויי־דריי יאָר ווען מיין טאַטע איז קראַנק געווען, און אַלץ שווערער קראַנק געוואָרן, האָבן זיך באַזונדערס איינגעקריצט אין מיין זכרון. עס קאָן זיין, אַז זיי האָבן פאַרווישט אין מיין יונגן זכרון פיל, פיל פריידיקע, ליכטיקע מאָמענטן פון מיין טאַטנס לעבן...

איצט נעם איך אָפּ אויף מיין טאַטן לויט די דערציילונגען און שילדערונגען, וואָס מיין מאַמע דערציילט מיר און וואָס נאָענטע פריינט גיבן איבער. אָבער איך האָב געוואָלט דאָ איבערגעבן דעם עיקר דאָס, וואָס איך אַליין געדענק וועגן מיין טאַטן, ז״ל.

דאָראַ פיינס מײזל

# מיין פענצטער

(אַ לאָס אַנגעלעס ־ שטימונג)

אַ גאָלדענער פּאַס האָט באַלויכטן דעם גרעסטן טייל פון מיין צימער. נאָך די שטורמישע ווינטן און רעגנס, וואָס האָבן לעצטנס אומברחמנותדיק געבושעוועט, ווי זיי וואָלטן זיך געוואָלט מיט עמיצן אָפּרעכענען און באַשטראָפן, איז די היינטיקע זון מיט אירע מילדע שטראַלן גאָר אַן אָנגעלייגטער גאַסט. דער הימל, אַ דורכזיכטיקער, אַ בלויער, קיין זומערשפּרענקעלע אויף אים. קוק איך אַרויס דורך מיין גרויסן פענצטער און עס ווילט זיך מיר ווי אַרומנעמען דעם ים, די בערג, אָנרירן מיט מיינע פינגער די דעכער פון די אַרומיקע הייזער, וואָס שאַפן אַן אויסטערליש בילד. אַלץ גלעט דאָס אויג און באַגייסטערט דעם געמיט.

מערקווערדיק: די הויז איז אויף אַ בישט צו הויכן באַרג, דאָך פיל איך ווי איך וואָלט זיך געפונען אויף אַן עראָפּלאַן מיט דער גאַנצער וועלטל צופוסנס. אַזוי פיל שיינקייט, אַזוי פיל צויבער. קום איך צו יעדע ווײלע צום פענצטער, באַוואונדער די פּאַנאָראַמע. אַ דין זיידן הייטל האָט פאַרשלייערט דעם הימל. זילבערנע כמאַרעלעך קייטלען זיך איינע אין די אַנדערע, אַן אָנזאָג אַז דער טאָג וועט באַלד קומען צו אַ שלוס און אָפּטרעטן דעם אָרט פאַר דער נאַכט.

מיר אַרט ניט וואָס נאָך אַ טאָג איז פאַרביי. איך קוק אַרויס אויף דעם בין־השמשות און זיין געהיימען כישוף. דער האָריזאָנט בייט קאָלירן פון מינוט צו מינוט. אַ פייערדיק פורפורנער הימל. די זון איז שוין אין גאַנצן פאַרטרונקען אין ים. די לופט — אַ קילע, אַ גלעטנדיקע. אַ זעפיר ווינטעלע רירט קוים אָן די גראָזן.

אַ בענקשאַפט נעמט אַרום מיין גאַנץ וועזן. אַ בענקשאַפט נאָך פרייד, אַ בענקשאַפט נאָך יוגנטלעכע טרוימערישע יאָרן באַגט און מאָנט. איך שטיי ביים פענצטער אַ צוגעשמידטע, איך קען שוין מער ניט ציילן די ליכטלעך וואָס באַווייזן זיך אין די טויזנטער און טויזנטער פענצטער.

זיי רײדן צו מיר: עס ווערט היימלעכער, וואַרעמער.

און אָט באַווייזן זיך, צינדן זיך ליכטלעך אין הימל. איינע נאָך די אַנדערע בליצן אויף די שטערן. זיי ווינקען זיך איבער מיט די ליכט פון די פענצטער און עס דוכט זיך ווי זיי וואָלטן געזאָגט: „פון אונדז קענט איר גאָרניט באַהאַלטן. מיר האָבן דעם כוח אַריינצוקוקן אין אייערע פענצטער.” ווילט זיך מ י ר אויך פאַרוואַנדלט ווערן אין איינעם פון יענע שטערן.

* * *

נאָך ווען אַ קינד, פלעג איך האָבן דעם נייגער: אַ פענצטער פון אַ הויז האָט דאָך אַזוי פיל סודותדיקייט און עס ווילט זיך מיר שטענדיק וויסן, ווער וואוינט דאָרט, אונטער די אַ מאָל שווער פאַרהאָנגענע און אָפּט מאָל דורכזיכטיקע פוירהאַנגלעך. אַ וועלט, אַ גאַנצע וועלט... און איצט, ווען איך קוק אַרויס דורך מיין פענצטער, ווען די פינצטערניש פון דער נאַכט ווערט צעשניטן אין פּאַסן דורך די פאַרשיידן קאָלירקע ליכט, זיינען מיר פרעמד די אַלע פענצטער און נאָך מער סודותדיק. פרעס איך צו דעם קאַלטן גלאָז מיין הייסן שטערן און בענקשאַפט צאַפּלט מיין האַרץ.

איך שטיי אויף גאַנץ אָפּט אין מיטן נאַכט אַ קוק צו טאָן אויף דער שלאָפנדיקער שטאָט. אַלץ קוקט אויס רואיק, אומגעשטערט. פון צייט צו צייט פינקלט אין הימל אַ רויטלעכער שיין. דאָס פליט אַן עראָפּלאַן אין די הייכן, און איך ווייס, אַז די וואָס קוקן אַרונטער אויף דער שטאָט, זעען פאַר זיך אַ פילפאַרביק, אויסגעשטריקט טעפּיך. דאָס בילד באַרואיקט מיין געמיט, מיין צעשטערט געמיט. און דערביי טראַכט איך וועגן דעם לאַנדשאַפט וואָס מ'קען זען פון מיין פענצטער.

ניט ווייט טאַקע איז דורכגעלייגט די „פּאַסיפיק פּאַליסיידס”, דאָס איז אַ פּאַרק אויף אַ באַרג ביים ים, אונטערגעשפּאַרט פון אַ הויכער משופּעדיקער וואַנט. מענטשן שטראָמען אַהין אַ גאַנץ יאָר צו באַוואונדערן די שיינקייט, פאַרברענגען מיט די ליבע טויבן, וואָס קוקן אַרויס אויף זיי, וואַרטן אויף זיי, אויף די ברעקלעך וואָס זיי טיילן אויס. האָט זיך לעצטנס אויסגעגאָסן אַ צאָרן אויף דעם ים־געגנט. די שטורמישע רעגנס האָבן צעווייקט די פעלדזן און זיי שפּאַלטן זיך, גליטשן זיך אַזוי ווי זיי וואָלטן אין גאַנצן קיין פעסטן באָדן ניט געהאַט. געוועזן דאָרט פריער אַ סך היימען, וועלכע מען האָט געמוזט פאַרלאָזן צוליב סכנה. טראַכט איך וועגן די מענטשן וואָס האָבן דאָרט אַמאָל געוואוינט. אָפּט, שפּאַצירנדיק דאָרטן פלעג איך אַריינקוקן אין זייערע פענצטער און געטראַכט, אַז געבענטשט זיינען זיי צו געניסן פון דער אַרומיקער שיינקייט: דעם ים וואָס באַגריסט זייערע פרימאָרגנס; די זון בעת ס'געזעגנט זיך מיטן טאָג און לאָזט די כוואַליעס זי איינשלעפערן מיט זיסע חלומות; די שיפלעך אויפן ים, וואָס זעען אויס מער ווי טויבן; די לופט וואָס פרישט אָפּ זייער געמיט און קערפּער. און פּלוצים אַזאַ צעשטערונג. איז עס דען בלויז די שולד פון אַ קאַפּריז פון דער נאַטור? ניין! פאַראַן ערגעץ אַן ענטפער... איך ווייס...



מרים מעלצער / אָוקלאַנד, קאַליפ.

# אומרואיקע נאַכט

די שיין פון דער פולער לבנה,
באַרואיקט דעם שווערן געמיט.
דער גאַנצער אַרום ווי אין דרימל,
עס הערט זיך קיין אָפּקלאַנג פון טריט.

פאַרוואָס־זשע האָט אויף מיין געלעגער
דורך נאַכט זיך מיין אומרו צעשפּילט?
און ערגעץ פאַרשטעקט אין אַ ווינקל
האָט אַ גריל מאָנאָטאָן זיך צעגרילט.

און שווער איז אַליין מיר פאַרשטיין
וואָס ס'מאַטערט אַזוי מיין געמיט.
און די נאַכט, ווי אַ זייגער אַן אַלטער,
קוים שלעפּט פון די ווייזער די טריט.

ישראל גובקין

# נעילה אין בריד סטריט שול

ווער טרערט דורך מיינע אויגן?
טאַטע־מאַמע,
זיידעס־באָבעס:

— פתח לנו שער
בעת נעילת שער,
כי פנה יום.—

ווער קען עפּ'נען טויערן,
אַז צייט איז פאַרשמאַכט;
טאָג ברענט אין פאַרגיין
און פעכיק ווערט נאַכט.

הער, גאָט, דאָס געוויין
(וואָס טרערן מיר די אויגן)
פון טאַטע־מאַמע,
זיידעס־באָבעס,
וואָס שטייען ערגעץ
אין ווייסן געבויגן,
און בעטן רחמים
דורך מיינע אויגן.

# לוי גאָלדבערג אַ טאָפּלטער בעל־יובל

דער באַקאַנטער דיכטער לוי גאָלדבערג, אַ לאַנג־יאָריקער מיטאַרבעטער אין „חשבון”, איז איצט געוואָרן אַ טאָפּלטער בעל־יובל — ער איז אַלט געוואָרן 75 יאָר און ס'איז געוואָרן 50 יאָר זינט ער האָט פאַרעפנטלעכט זיין ערשט ליד אין „פרייע אַרבעטער שטימע” אונטער ש. יאַנאָווסקיס רעדאַקציע.

לוי גאָלדבערג האָט זיך קונה שם געווען מיט זיינע פיר לידער ביכער: „לידער און באַלאַדן” (1923); „נאָענטע” (1932); „ניגון און ווינט” (1948), און „פּירות אויף מיין בוים” (1959).

וועגן לוי גאָלדבערגס לידער האָט זיך די יידישע ליטעראַטור־קריטיק זייער וואַרעם אָפּגערופן. צווישן אַנדערע האָבן וועגן אים געשריבן: ז. רייזען, א. טאַבאַטשניק, ב. ריווקין, ז. ווײנפּער, תלוש, ב. י. ביאַלאָסטאָצקי, א. פּאָזי און אַנדערע.

מיר שיקן לוי גאָלדבערג אונדזערע בעסטע גרוסן און ווינטשן אים נאָך לאַנגע שעפערישע יאָרן. רעד. „חשבון”

ז. בונין

# נייע ביכער

**עליזה גרינבלאַט:** ביים פענצטער פון אַ לעבן — אויטאָביאָגראַפיע. פאַרלאַג עליזה, ניו־יאָרק. 164 זייטן.

עליזה גרינבלאַט שרייבט לידער אין אַ פאָלקסטימלעכן סטיל און האָט זיך קונה שם געווען ווי אַ פאָלקס־דיכטערין. אַ סך פון אירע לידער ווערן אָפט געזונגען אויף קאָנצערטן און ווערן דערביי אָנגעגעבן ווי אַנאָנימע פאָלקס־שאַפונגען. מוזיק צו אירע לידער זיינען פאַרפאַסט געוואָרן פון באַרימטע יידישע קאָמפּאָזיטאָרן, צווישן זיי: סאָלאָמאָן גאָלוב, שלום סעקונדאַ, הענאָך קאָן, מרדכי זעירא א"א. אויך זיינען אַ גרויסע צאָל פון אירע לידער רעקאָרדירט געוואָרן פון אייניקע זינגערס, וואָס האָבן זיך קונה שם געווען אויף דער יידישער גאַס, ווי סידאָר בעלאַרסקי, טעאָדאָר ביקעל, לייבעלע וואַלדמאַן און אַנדערע.

דאָס איצטיקע בוך איז איר אויטאָביאָגראַפיע. אין אים האָט די דיכטערין פאַרצייכנט איר אינטערעסאַנט לעבן, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין פאָדאָל. אוקראַינע, זיך געצויגן אין פילאַדעלפיע, אַנטלאַנטיק סיטי און ניו־יאָרק, און ווערט איצט פאַרגעזעצט — עד מאה ועשרים — אין סי־געיט, אַ פאָרשטאָט פון ברוקלין, נ. י. ס'איז אַ גייסטרייך און קאָלירפול לעבן — אַ שעפעריש לעבן הן אופן ליטעראַרישן געביט און הן אויפן געזעלשאַפטלעכן.

אָבער דאָס אינטערעסאַנטסטע אין בוך איז דער צווייטער טייל, וואָס פאַרנעמט אַ העלפט פון בוך און באַשטייט פון בריוו צו עליזה — פון איר מאַן, איזידאָר ע"ה, וואָס זיינען געשריבן געוואָרן אין 1920, בעת זיין נסיעה קיין ארץ ישראל און זיין געבורטס־שטעטל סאַראָקע, רומעניע.

ווען מ'לייענט די דאָזיקע בריוו, ווערט אַ חידוש: ווער פון אָט דאָס פאָרפאָלק איז דער גרעסערער קינסטלערישער שרייבער — די דיכטערין עליזה אָדער איר מאַן, וואָס הגם אים איז גאָר קיין מאָל ניט איינגעפאַלן צו זאָגן אַז ער איז אַ פּאָעט, איז ער עס אָבער, אין דער ווירקלעכקייט, יאָ געווען. אייניקע פון די דאָזיקע בריוו לייענען זיך ממש ווי פּאָעזיע אין פּראָזע.

בדרך כלל איז עס אַן אינטערעסאַנט בוך, און וואָס שייך איזידאָר גרינבלאַטס בריוו, ווערן דאָרט בילדלעך באַשריבן עפּיזאָדן און געשעענישן פון ארץ־ישראל און יידישן לעבנס־שטייגער אין רומעניע, פון יענער אומרואיקער צייט, וואָס גיבן אינפאָרמאַציע וועגן יידישער שטייגערישקייט, וואָס האָט אַ היסטאָרישן ווערט.

* * *

**יעקב גלאַטשטיין:** אויף גרייטע טעמעס — קריטישע עסייען. פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תל־אביב, תשכ"ח, 414 זייטן.

יעקב גלאַטשטיין, איינער פון די גרעסטע יידישע פּאָעטן, איז אויך איינער פון אונדזער פיינסטע פּובליציסטן און איינער פון אונדזערע סאַמע בעסטע ליטעראַטור־קריטיקערס.

דאָס איצטיקע בוך איז אַ זאַמלונג פון יעקב גלאַטשטיינס קריטישע עסייען, וואָס זיינען געווען געדרוקט אין פאַרשיידענע צייטשריפטן אין משך פון די לעצטע צען יאָר.

דאָס בוך איז איינגעטיילט אין 6 טיילן און ס'אַנטהאַלט 77 עסייען, וואָס זיי אַלע באַציען זיך צו ליטעראַטור בכלל און ליטעראַטן בפרט. צווישן אַנדערע קומען דאָ אַריין עסייען וועגן צוויי פון אונדזערע היגע לאָס אַנגעלעסער שרייבערס: אברהם גאָלאָמב און מלכה חפץ טוזמאַן.

ביים שלוס פונעם בוך קומט די ווייטערדיקע נאָטיץ: „זאָל דאָ פאַרצייכנט ווערן דער נאָמען פון דעם טייערן ייד, ווילי שאָר, וואָס האָט איינער אַליין, פון זיין אָפּגעשפּאָרטער יגיעת כפיים אויפגעטאָן אַזוי פיל פאַר דער יידיש קולטור. נישטאָ אַזעלכע יידישע ל"ו, הלוואַי וואָלט געווען כאָטש אַ מנין אַזעלכע יידן, ווי דער פרומער און איבערגעגעבענער צום יידישן וואָרט — ווילי שאָר."

* * *

**לילי בערגער:** נאָכן מבול — ראָמאַן. פאַרלאַג יידיש בוך. וואַרשע, 1967. 267 זייטן.

לילי בערגער, אַ מיטאַרבעטערין אין „חשבון", איז איינע פון די טאַלאַנטירסטע יידישע שרייבערינס. דאָס איז, אויף וויפיל אונדז איז באַקאַנט. לילי בערגערס פערטער בוך. ביז איצט זיינען פון איר דערשינען: איין באַנד ליטעראַרישע קריטיק, אַ באַנד קריטיק וועגן פּלאַסטישער קונסט און אַ באַנד דערציילונגען.

לילי בערגער האָט, ביז מיט אַ פּאָר חדשים צוריק, געוואוינט אין וואַרשע, און איצט, קענען מיר מעלדן מיט פרייד, האָט זי זיך אַרויסגעראַטעוועט פון דעם דאָזיקן קאָמונאַציסטישן גיהנום. און דערווייל געפינט זי זיך אין פּאַריז.

וועגן „נאָכן מבול" וועט אין "חשבון" נאָך געשריבן ווערן. דאָס איינציקע וואָס מיר קענען איצט זאָגן וועגן אָט דעם ראָמאַן, אַז לויט אונדזער מיינונג, איז עס איינס פון די סאַמע בעסטע ליטעראַרישע ווערק אין דער יידישער ליטעראַטור, און אפילו אין דער וועלט־ליטעראַטור.

* * *

**איציק מאַנגער:** שטערן אין שטויב — לידער. ניו־יאָרק, 1967. 232 זייטן.

אין דער הקדמה פונעם בוך שרייבט דער מחבר אַז „דאָס בוך שטערן אין שטויב דערשיינט, ווייל אַזוי האָט זיך איינגעעקשנט אַ ייד פון לאָס אַנדזשעלעס מיטן נאָמען ווילי שאָר. אַ האַרציקן דאַנק אָט דעם אידעלן עקשן."

* * *



**הינדע זאַרעצקי:** און ער האָט געזונגען — לידער. אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון פריינדלעכע אָרגאַניזאַציעס, ניו־יאָרק, 1968. 177 זייטן.

אויף וויפיל אונדז איז באַקאַנט איז עס ס'ערשטע בוך פון דער דיכטערין הינדע זאַרעצקי. און דאָס וואָרט דיכטערין ווילן מיר אונטערשטרייכן, ווייל, הגם מיר האָבן אירע לידער דאָ און דאָרט געמערקט אין יידישע צייטשריפטן, האָבן מיר אָבער די דיכטערשאַפט פון אָט דער דיכטערין ניט געקענט דערקענען. ערשט דאָ אין בוך, וואו אירע לידער זיינען איינגעזאַמלט, דערקענען מיר איר טאַלאַנט און מיר קענען עס שאַצן און דערביי צוגעבן, אַז אירע לידער זיינען אַ וויכטיקער צושטייער צו דער יידישער פּאָעזיע — איבערהויפּט פון פרויען־דיכטערינס.

פון די מער פון הונדערט לידער, וואָס זיינען דאָ אין בוך, וואָלט מען אַ סך געקענט ציטירן אין באַוואונדערונג פון זייער שיינקייט. אָבער איבער דעם, וואָס דאָס פּלאַץ איז דאָ אַזוי באַגרענעצט, וועלן מיר ציטירן בלויז איין ליד:

## אַ מתנה

גאָט,
שענק מיר אַ ליד,
אין איינפאַך פּראָסטן פערז;
כ'וויל מאָלן
אַ פאַרנאַכטיקן געמיט —
דאָס אויסגיין פון אַ טאָג אין פעלד;
דאָס חלומען פון בלומען
אין שעה פון שקיעה;
דעם אומעט אין די אויגן
ביים הירש אויפן באַרג;
דאָס געוויין
פון הונגעריקע וועלף אין וואַלד,
און די תפילה פון וואָגלער
אויף די וועגן פון דער וועלט...

* * *

## באַברויסקער און אומגעגנט יזכור-בוך

אויף דער איניציאַטיווע פון קדיש לוז (פּאָרזיצער פון כנסת אין ישראל) און אַנדערע פּראָמינענטע באַברויסקער לאַנדסלייט, איז אין ישראל געגרינדעט געוואָרן אַ קאָמיטעט צו אַרויסגעבן אַ יזכור־בוך אין אנדענק פון די קדושים אין באַברויסק און אומגעגנט: הלוסק, לאַפּיטש, פּאַריטש, שטשעדרין און פיל אַנדערע.

נאָך פינף יאָר פון קלייבן מאַטעריאַל וועגן באַברויסק, איז דאָס בוך דערשינען. דאָס בוך באַשטייט פון 871 זייטן און איז אָנגעפּיקעוועט מיט געשיכטלעכע פאַקטן, זכרונות און בילדער פון גאָר אַמאָל, אַמאָל, נעכטן און היינט: וועגן אַלע רעוואָלוציאָנערע און נאַציאָנאַלע פּאַרטייען; השכלה, חסידישע און מתנגדישע שולן, רבנים און גוטע יידן; חדרים, וועלטלעכע שולן, טעאַטער, פּראָמינענטע דאָקטוירים, שפּיטאָלן; יידישע שרייבער: אַלקום צונזער, שמריהו לעווין, ציליע דראַפּקין, מענדל עלקין, בערל קאַצענעלסאָן, נח גאָלדבערג, דער טונקעלער, און פיל אַנדערע פיגורן.

די געשיכטע פון די לעצטע צוויי וועלט־מלחמות, פּוילישע און דייטשע אָקופּאַציע און דאָס אומקום פון ניינצן טויזנט באַברויסקער קדושים און קדושים פון די אַרומיקע שטעטלעך, אומגעבראַכטע פון די נאַצי־מערדער, ימח שמם.

וועגן בוך ווענדן זיך צום סעקרעטאַר פון קאָמיטעט:

M. Etkin, 216 E. 203rd St.,
Bronx, N. Y. 10458

* * *

**JACOB RASHEL: Jewish Artists in America — Essays. Vintage Press, New York, 1967. 197 pp.**

ס'איז איינס פון די בעסטע ביכער אויף ענגליש וועגן יידישער פּלאַסטישער קונסט. צווישן אַנדערן ווערן דאָ געגעבן גענויע אָפּהאַנדלונגען און אָפּשאַצונגען וועגן: גליצענשטיין, וויליאַם גראָפּער, לענאַ גור, אוירווין האָפּמאַן, פראַנק האָראָוויץ, פראַנק קירק, אפרים משה ליליען, אַברהם מאַניעוויטש, שאול ראַסקין און אַנדערע. באַשטעלונגען אויף דעם בוך ווערן אָנגענומען אין „חשבון" רעדאַקציע.

* * *

**הערש לייב יונג:** דורך ליכט און פינצטערניש — לידער. פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תל־אביב, 1968. 418 זייטן.

וועגן די לידער פון ה. ל. יונג האָט זיך די יידישע קריטיק זייער וואַרעם אָפּגערופן. מיט שבחים וועגן זיין פּאָעזיע זיינען אַרויסגעקומען: יצחק וואַרשאַווסקי, פּראָפ' דוב סדן, פּראָפ' ס. ליפּצין, שמעון מעלצער, ד"ר ה. ל. גאָרדאָן, ד"ר מ. אַסטור, ה. אַקערמאַן, הרב אברהם ביק, לוי גאָלדבערג, ד"ר א. א. ראָבאַק, נחמיה צוקער, מעינקע קאַץ, צבי שטאָק, א. גאָלאָמב, אוריאל ווינרייך, לייבוש לעהרער, פּראָפ' נתן זיסקינד און אַנדערע.

יצחק וואַרשאַווסקי האָט, צווישן אַנדערן, אָט וואָס געשריבן וועגן אָט־די לידער:

„הערש לייב יונג, אויף וויפיל איך ווייס, אַ ניי פּנים אין דער יידישער פּאָעזיע. ער איז, אויב איר ווילט, אַן אָנפאַנגער, אָבער מיט טענער און סטיל פון אַ מענטש, וואָס אַרבעט אויף זיך לאַנג. זיין ליד איז אַ מערקווירדיקער געמיש פון פּרימיטיוון און ראַפינירטן. זיין טעמע איז די אייביקע פראַגן. ער איז פאַקטיש אַ פּאָעט־פילאָזאָף. יונג דערוועקט נייגיר מיט זיין טעמאַטיק."



# בויערס פון „חשבון"

מיט דעם נומער ענדיקט זיך דער 23טער יאָרגאַנג פון „חשבון"— די איינציקע פאַרבליבענע יידישע צייטשריפט אין מערב פון שיקאַגע. אויך די איינציקע יידישע צייטשריפט אין לאָס אַנדזשעלעס — דעם צווייטן גרעסטן יידישן ישוב אין אַמעריקע.

אָבער ווי וואַקלדיק עס איז די פינאַנציעלע לאַגע פון „חשבון" קען מען דרינגען פון דעם ווייטערדיקן בריוו אין רעדאַקציע, וואָס מיר גיבן איבער מיט בלויז אַ פּאָר פאַרקירצונגען:

„מיאַמי ביטש, פלאָרידאַ, 8 סעפּט., 1968

„טייערע „חשבון" רעדאַקציע:

„לאַנג דוכט זיך געוואַרט אויף אייער ענטפער, אָבער זע איך איצט אַז ס'זענען יאָ געווען ממשותדיקע, אָבער, זאָל איך בעסער זאָגן, באַאומרואיקנדיקע אורזאַכן: דער „חשבון" האַלט ביים אונטערגיין... אורזאַך? ל. א. יידן זיינען פאַראָרעמט געוואָרן...

„געדענק איך, געווען אַ צייט (קוקט דורך די כראָניק) ווען מיר האָבן גאַנץ דערפאָלגרייך געשפּילט טעאַטער אין קולטור־קלוב... און איך זאָג דערפאָלגרייך, מיין איך סיי פינאַנציעל און סיי קולטורעל. די שבתים פלעגן זיין געפּאַקט, ווען מיר האָבן געשפּילט אַנסקים „טאָג און נאַכט" (דריי מאָל אַ וואָך, 5 וואָכן כסדר). די פלעצער זענען געווען איבערפילט, אָבער די 'פאַרוואַלטונג' (אייניקע פון זייערע דעהזאָגערס) האָט זיך אויסגעדריקט אַז: טעאַטער איז דען קולטור?...

„דעריבער, טייערע פריינד, בין איך ניט צו שטאַרק איבערראַשט געוואָרן, אַז די קולטור־יידן אין לאָס אַנדזשעלעס זיינען פלוצים 'פאַראָרעמט געוואָרן'...

היינט אָבער איז די יידישע גאַס אַזוי פאַראָרעמט מיט אַ יידישער צייטונג, אַ יידישן זשורנאַל, אַז נאָך אַ לוויה טאָר ניט דערלאָזט ווערן... און דאָך דערלאָזן זיי עס...

איז וואָס זאָל מען טאָן?...

איר זענט געצוואונגען אָנצופירן אַן אייגענע קאַמפּאַניע צו שאַפן אַ פאָנד... (דערויף האָט מען אַראָפּגעבראַכט אַ מענטשן אַזש פון ניו־יאָרק צו אָנפירן מיט אַ באַנקראָטירטער פירמע?...)

זאָגט מיר נאָר: וויפיל דאַרף מען בכדי דער „חשבון" זאָל קענען דערשיינען?

וויפיל קען לאָס אַנדזשעלעס מיט איר האַלבן מיליאָן יידן, כן ירבו, ביישטייערן?

וויפיל קענען די ל. א. יידישע אינסטיטוציעס, וואָס ציען גייסטיקע רווחים פון יעדן „חשבון" — וויפיל קענען זיי ביישטייערן?"

און נאָך און נאָך פראַגעס האָט געשטעלט דער שרייבער פון דאָזיקן בריוו, וואָס דעם ענטפער אויף דעם קענען געבן — ניט מיר, די שרייבערס פון

„חשבון", נייערט די דאָזיקע, וואָס רופן זיך די יידישע און יידישיסטישע קולטור־מענטשן פון לאָס אַנדזשעלעס.

ווער איז דער שרייבער פון דאָזיקן בריוו ? ס'איז קיין סוד ניט — ער איז ביז מיט אַ פּאָר חדשים צוריק געווען אַ תושב אין ל. א., און איצט איז ער אין מיאַמי. ער איז דאָ הי אונדז אַלעמען גוט באַקאַנט : מרדכי מייזעל.

נו, אויף אונדזער אַפּיל אין פאָריקע נומערן „חשבון" האָבן זיך אָפּגערופן מיטביישטייערונג אַ צאָל פריינד. אָבער דאָס איז ווייט ניט גענוג בכדי צו פאַרזיכערן דעם קיום פון דעם זשורנאַל אויף להבא.

דערפאַר אַפּעלירן מיר ווידער אַמאָל צו די פריינד פון יידיש, צו די לאָס אַנגעלעסער יידישע פרויען לייען־קרייזן, צו די יידישע קולטור־געזעלשאַפטן און, באַזונדערס, צו יחידים — זיי זאָלן האָבן אין זינען דעם „חשבון"— ניט נאָר מיט איינמאָליקע ביישטייערונגען, נייערט מיט פאַרפליכטונגען פאַר יערלעכע ביישטייערוגען, וואָס זאָלן פאַרזיכערן דעם קיום פון אונדזער זשורנאַל.

דערווייל פאַרצייכענען מיר מיט דאַנקבאַרקייט די נעמען פון די ווייטערדיקע מנדבים, וואָס האָבן זיך ביז איצט אָפּגערופן אויף אונדזער אַפּיל :

$50.00

יעטאַ און ז. בונין

בעלאַ און א. פּאָזי

$40.00

ביישטייערערס —

געזאַמלט פון רבקה גאָלאָמב

$36.00

איסטערן מאָרטגעדזש קאָמפּ.

געזאַמלט דורך רבקה גאָלאָמב

$35.00

יעקב פרידמאַן, פּעי סאַפּיאַן, ווילי שאָר

$30.00

פּינטשע בערמאַן

$25.00

הערי לאַנג, רבקה גאָלאָמב, מעקס גאַרפינקל, מרים און לייזער מעלצער, משה קאַפּלאַן.

$23.00

זאַמלונגען אָנגעפירט פון ווילי שאָר.

$20.00

שרה יאַפּע, מאיר אייזענדאָרף.

$15.00

חיים און אסתר ווישנאָף, סירקין קולטור־קלוב, זיגמונד לעוו

$10.00

שמעון און סעניאַ בערגער— אין אָנדענק פון פּיוול לערנער ע"ה

אליהו מאָרדען, האַוואַרד פּאַטער, וו. אַלטערשטיין, י. גרינהאָף, יהודית ליווי (ברוקלין, נ.י.), א. ראַבין, לאָטי מלאך, י. ראַשעל, מלכה רויזענבלאַט, מוסיע פרידלאַנד.

$5.00

יעטאַ און יונה גרעי, משה צוקער (ניו־יאָרק), פרענק העריסאָן, מאיר לעדערמאַן, ראָוז באַלאָט, איזידאָר סטענזער, דוד גאָלדמאַן, יעקב גאַרעליק, בען טאַובער, י. גרינשטיין, ריוואַ און מאָי זאָלאָטאַרעוו, נ. נאָרמאַן, משה וועלטמאַן, שמעון וואַוזעק, ס. שקאָלניק, סטענלי און פרענסיס בונין, אַברהם שניידער, ליליען זעלדין, זלמן זילבערצווייג, עטל לעווין, רויזענבלאַט לייען־קרייז, ש. י. טויבעס.

$3.00

יצחק רויטבלום.

---

צו אונדזער באַליבטן פריינד,
דעם גרויסן יידישן פּאָעט

**א ל ף  כ ץ**

שיקן מיר אונדזערע האַרציקסטע
גרוסן און בעסטע וואונטשן
צום נייעם יאָר.

**שמעון און סעניאַ בערגער**

# 42־טער יאָר טעטיקייט

## פון

# לאָס אַנגעלעסער יידישער קולטור קלוב

„אַ קולטור-צענטער פאַרן יידישן מענטשן אין אַ יידישער סביבה"

געגרינדעט אין דעם יאָר 1926

4213 מאָנראָו גאַס

לאָס אַנגעלעס, קאַליפאָרניע

תשרי תשכ"ט — אָקטאָבער, 1968



# LOS ANGELES YIDDISH CULTURE CLUB

(Organized in 1926)

4213 Monroe Street • Los Angeles, Calif. 90029

NOrmandy 4-9325

חיים אַסטראָווסקי

# דער לאָס אַנגעלעסער יידישער קולטור קלוב

## (אַ באַגריסונג צו דער דערעפענונג פון 42סטן זמן)

מיט אַ וואָך צוריק, אין טאָג פון שמחת תורה, האָט מען אין די שולן פאַרענדיקט לייענען די לעצטע סדרה פון דער תורה, און באַלד איז מען צוריקגעגאַנגען צו בראשית, און דאָס יידישע יאָר האָט זיך „איינגעשטעלט“: יעדע וואָך אַ נייע סדרה. אַזוי ווערט די „יידישע צייט“ מיט גייסטיקייט אָנגעזאַפּט. ניט קיין „באַקעטע“ וואָך פון סתם זיבן טעג, נאָר יעדער טאָג האָט אַ געזאַנג און איז אַ טייל פון אַ באַשטימטער סדרה... דינסטאָג איז יום ג׳ לסדר... ער איז ניט אַליין, ער האָט אַן אָפּשטאַם, און בלאָנדזשעט ניט איבער דער וועלט.

פאַרבונדן מיט תורה, ווייסט דער טאָג וואוהין ער גייט: די סדרה עפנט טירן צו אַ רייכער ירושה, צו וועלכער אַ סך יידן האָבן די שליסלען פאַרלאָרן...

האָבן אַ פּאָר „קלוגע“ יידן, מיט אַ וואָסערע 42 יאָר צוריק, זיך צענויפגערעדט און באַשלאָסן איינצופירן אין לאָס אַנדזשעלעס אַ נ יי ע ס ד ר ה . . . אַביסל אַנדערש ווי די וואָס מען לייענט אין די שולן, אָבער די וואָרצלען זיינען די זעלבע און דער אָפּשטאַם — דער אייגענער, ווי אַלע טייכן וואָס ציען זיך צום ים. עס איז איין לאַנגע קייט פון דורות, און יעדער דור ווערט אַ רינגעלע אין קייט.

משה קבל תורה מסיני — משה האָט באַקומען די תורה אויפן באַרג סיני און האָט עס איבערגעגעבן יהושען, און יהושע צו די נביאים, און אַזוי כסדר פון דור צו דור, און יעדער ווייטערדיקער דור האָט די ירושה באַרייכערט.

וועגן דעם טאַקע האָבן געטראַכט יענע יידן פון לאָס אַנדזשעלעס און זיי האָבן אַזוי געזאָגט:

„מיר זיינען געקומען אַהער, אין דעם זוניקן לאַנד, בכדי זיך אָפּצורוען פון די טומלדיקע יאָרן און פון דעם שרייענדיקן „יאַריד“...וואָס קומט אונדז אָבער אַרויס, אַז דער תהו־ובוהו לויפט אונדז נאָך און דאָס פּוסטע לעבן זעט זיך אָן דאָ נאָך שאַרפער?.

הבו — לאָמיר זיך דאָ איינשאַפן אַ גייסטיק־יידישן ווינקעלע, וואו מ׳וועט זיך קענען באַהעפטן מיט דער ירושה פון דורות ! “

געוואַגטע חברה־לייט געווען, האָבן זיי גערעדט און געטאָן. מען האָט זיך גענומען צו דער מלאכה, און מיט אַ מאָל האָבן זיי אין „פאַרגעסענע“ שפייכלערס אַנטפּלעקט אוצרות גאַנצע ! און ווען מען האָט זיי אָפּגעשטויבט און זאָרגפעליק אָפּגעקליבן, איז ליכטיק געוואָרן אין אַלע ווינקעלעך...

זייער מאָטאָ איז געווען : אַלץ וואָס איז עכט־יידיש (און דערפאַר געזונט־מענטשלעך) איז אונדז ניט פרעמד.

וואָס די נביאים האָבן „געזען“ און דער רמב״ם האָט געפּסקנט; וואָס רש״י האָט געזאָגט, און הלוי האָט געזונגען; וואָס לייוויק האָט געשריבן און שלום עליכם האָט דערציילט — דאָס איז אַלץ אַ טייל פון אונדזער תורה. קומט, יידיש־שעפערישע מענטשן, און גיסט עס איבער אין נייע כלים, וועלן מיר לעשן אונדזער דאָרשט און שטילן אונדזער בענקשאַפט!

זאָל אויפקומען אַ נייע „סדרה“ און הייליקן אונדזער וואָך ! און זי איז אויפגעקומען און באַשיינט אונדזער לעבן עד היום ! „וועלטלעכע“ יידן ווייסן שוין די סדרה פון דער וואָך, און די וואָס ווייסן נאָך ניט, קענען לייכט געוואויר ווערן.

אין די שבת־צונאַכטן קומען יידן צו זייער „מקדש־מעט“, דעם באַשיידענעם, אָבער הערלעכן, היינט־צייטיקן „בית המדרש“. זיי זוכן אויפצונעמען נייע קלאַנגען פון אַן אייביקן ג ע ז אַ נ ג : וועלכע סדרה גייט ביי אונדז דעם שבת: לייוויק אָדער ביאַליק? רויזענבלאַט צי פּרץ? זיי ווייסן דעם ענטפער! זיי קענען אייך אפילו זאָגן ווען מענדעלעס ליכט האָט צום ערשטן אָפּגעשיינט אָדער ווען פרוג האָט זיך אין יידיש צעזונגען !



זיי זיינען שוין איינגעפּאַסט אין דער ראַם פון יידישער צייט־רעכענונג...

* * *

פון אָט־די ווענט אַרום קוקן צו אונדז אַראָפּ ליכטיקע פּנימער פון גייסטיקע יידן, וואָס האָבן מיט זייער טאַלאַנט אונדזער לעבן באַשיינט. און אין שעהען פון בין־הזמנים, צום אָנהייב פון אַ נייעם יאָר, קאָן געמאָלט זיין, אַז די בילדער פירן צווישן זיך אַ געשפּרעך:

„וואָס דענקסטו: זיי וועלן עפענען דעם קלוב אין צייט?“

„וואָס מיינסטו?“

„גאַנץ פּשוט: זיי צוגייען זיך דאָך ביסלעכוויז, די בויער און די טוער... ווערזשע בלייבט אויף טאָן די אַרבעט?“. . .

ווילט זיך אונדז באַרואיקן, די אומפאַרגעסלעכע פריינד אונדזערע, די לערערס און די וועגווייזער און אַ וואָרט פון טרייסט זיי זאָגן: „זייט וויסן, אַז מיר גייען אָן מיט דער אַרבעט! לעבן וועט אונדזער קלוב און פּראָגרעסירן, ווייל זיין נוצלעכקייט ווערט שטאַרקער און זיין עקזיסטענץ נויטווענדיקער!

„זעט וואָס פאַר אַ שיינעם עולם מיר האָבן דאָ היינט ! “

וועלן זיי אויך קומען צו אַלע ווייטערדיקע סדרות פון דעם יאָר?

צו אייך אַלעמען שטרעקן מיר אויס אונדזערע הענט מיט אַ ברייטן ש ל ו ם ע ל י כ ם , און דערקלערן דעם 42טן זמן פון יידישן קולטור־קלוב פאַר אָפן. . .

## באַאַמטע און אַדמיניסטראַציע פון ל.א. יידישן קולטור קלוב

## פאַר דעם יאָר 1967־1968

פּ ר ע ז י ד י ו ם :
**תנחום ברייס**
**שלמה צוקערמאַן**
**אַברהם שוואַרץ**

פינאַנץ־סעקרעטאַר:
**סעם לעווין**

קאַסירער:
**פייוול לערנער ע״ה**

פּראָטאָקאָל סעקרעטאַר:
**מאָרים זילבערט**

עקז. סעקרעטאַר:
**מאיר לעדערמאַן**

הויז־פאַרוואַלטערס :
**מאַניע פאַרבער**
**מאָרים ווינאַרסקי**

ביבליאָטעקאַר:
**נתן אזאָלין**

רעדאַקציע פון „חשבון“:
**אריה פאָזי, רעדאַקטאָר**
**ז. בונין, סעקרעטאַר**

„חשבון“ פאַרוואַלטערס :
**ש. ברייגין**
**י. וויינמאַן**

*Compliments of*

**ART PRINTING SERVICE**

355 South Broadway • MA 4-5862 • Los Angeles Calif. 90013

# רשימה פון די ליטעראַרישע און מוזיקאַלישע שבת־אָוונטן פון ל. א. יידישן קולטור־קלוב פאַר דעם 42־טן זמן — 1967־1968

א) שבת אָוונט, דעם 23טן סעפּטעמבער, 1966 — מיטגלידער־אָוונט און אינסטאַלירונג פון באַאַמטע. אריה פּאָזי: רעפעראַט וועגן באַדייטונג פון ראש־השנה. תנחום ברייס אינסטאַלירט די דערוויילטע באַאַמטע.

ב) שבת אָוונט, אָקטאָבער 21 — די דערעפענונג פונעם נייעם זמן. חיים אָסטראָווסקי — באַגריסונג; עסטעל מאַרלאָו, זינגערין; יוסף אולשטיין, טשעלאָ; שענאָן געלסין — פּיאַנאָ באַגלייטונג.

ג) שבת אָוונט, אָקטאָבער 28 — פייערונג לכבוד שמואל ברייניך, צו זיין 90טן געבוירנטאָג. אַלבערט סטוירן, פידל־קינסטלער; אָדרי פישער, פּיאַנאָ באַגלייטונג; בערנאַרד דזשייקאָבסאָן, הסתדרות דירעקטאָר, און פאַרטרעטערס פון אַנדערע אָרגאַניזאַציעס באַגריסן דעם בעל־היובל.

ד) שבת אָוונט, נאָוועמבער 4 — אַ ישראל אָוונט: ברוך קאָהן, בעל־מנגן; שענאָן געלסין, פּיאַנאָ באַגלייטונג; בערנאַרד גליקמאַן, דירעקטאָר פון ישראל באָנדס — רעפעראַט וועגן די געשעענישן אין ישראל.

ה) שבת אָוונט, נאָוועמבער 11 — אַ מענדעלע מוכר ספרים געדענק־אָוונט: פּראָפ' משה ליבמאַן — רעפעראַט וועגן לעבן און שאַפן פון מענדעלע; יצחק ראָטבלום לייענט אַ דערציילונג פון מענדעלעס שאַפן.

ו) שבת אָוונט, נאָוועמבער 18טן — אַ „חשבון" אָוונט; איזאַבעל קאַץ, געזאַנג; חיים אָסטראָווסקי, פּאָרלעזונג; רעדעס פון אַריה פּאָזי, רעדאַקטאָר פון „חשבון"; פּינטשע בערמאַן, יחזקאל בראָנשטיין, ז. בוניק, יצחק ניומאַן, בעלאַ פּאָזי.

ז) שבת אָוונט, נאָוועמבער 25 — אברהם גאָלאָמב־אָוונט צו דער דערשיינונג פון זיין נייעם בוך „אונדזער מאָרגן". הערמאַן גאָלד, טשעליסט; שענאָן געלסין, פּיאַניסט; הערי לאַנג — רעפעראַט וועגן גאָלאָמבס פילאָסאָפיע.

ח) שבת אָוונט, דעצעמבער 2 — דר. חיים ראָטבלאַט זאָוונט, צו דער דערשיינונג פון זיינע ביכער: „פון אונדזער קוואַל" און „פכים קטנים"; דר. בערנאַרד קאָהן און דוד יאַראָסלאַווסקי האָבן רעפערירט וועגן דעם מחברס ווערק.

ט) שבת אָוונט, נאָוועמבער 9 — יידישער פאָלקס מוזיק אָוונט — צום חודש פון יידישער מוזיק: חיים אָסטראָווסקי — איינלייטונג וועגן יידישער מוזיק; בערטאַ קעסטענבוים — יידישע מאָטיוון; פּיאַנאָ קאָנצערט; שרה הערשבערג — יידישע ניגונים־געזאַנג מיט גיטאַרע באַגלייטונג.

י) שבת אָוונט, דעצעמבער 16 — צווייטער אָוונט צום חודש פון יידישער מוזיק; שענאָן געלסין טריאָ, מיט דער באַטייליקונג פון הערמאַן גאָלד, טשעליסט; יוסף האַרדינג, פידל; ש. געלסין ביי דער פּיאַנאָ; סאָל באַביטש, מוזיקאָלאָג, וועגן „בייטראָג פון יידן צו דער וועלט־מוזיק."

יא) שבת אָוונט, דעצעמבער 23 — געווידמעט דעם חודש פון יידישן בוך: ד"ר חיים ראָטבלאַט — רעפעראַט: „ליטעראַטור און לעבן"; אברהם זיגעלבוים — רעציטאַציעס.

יב) זונטאָג אָוונט, דעצעמבער 31 — נייאָר פייערונג און יום־טוב חנוכה: איוואַ ראָמאַנאָ, זינגערין; עסטעל ראַבינאָוו, פּיאַנאָ. אַ פיינער מאָלצייט און טאַנץ.

— 1968 —

יג) שבת אָוונט, דעם 6טן יאַנואַר, 1968 — אַ פּאָעזיע־אָוונט לכבוד דער מאַטעס דייטש ליטעראַרישער פּרעמיע. מלכה טוזמאַן רעפערירט וועגן דעם פּרעמירטן בוך פּאָעזיע פון יעקב פרידמאַן; חיים אָסטראָווסקי לייענט פאָר; דר. י. קוזמירסקי רעפערירט וועגן דער שייכות צווישן יעקב פרידמאַן און מאַטעס דייטש.

יד) שבת אָוונט, יאַנואַר 13 — גענעראַל פאַרזאַמלונג פון מיטגלידער און פריינט פון דעם קלוב. שענאָן געלסין — פּיאַנאָ; געזאַנג בציבור; שלמה צוקערמאַן באַריכטעט וועגן דערפאָלגרייכן קאַמפּיין; סעם לעווין, פינאַנץ סעקרעטאַר, גיט אָפּ אַ באַריכט; מאָריס זילבערט, פּראָטאָקאָל סעקרעטאַר, לייענט פאָר פון די טעטיקייטן פון קלוב דורכן יאָר.

טו) שבת אָוונט, יאַנואַר 20 — סערגעי בוטקעוויטש — לעקציע אויף דער טעמע: „פופציק יאָר רוסישע רעוואָלוציע און די יידן." סאָפי בערגער — געזאַנג; שענאָן געלסין — פּיאַנאָ.

טז) שבת אָוונט, יאַנואַר 27 — דאָראַ מייזעל רעפערירט אד"ט: „העלדישע פרויען־געשטאַלטן דורך דורות"; אַנדרעי בעלאָוו — פידל; שענאָן געלסין — פּיאַנאָ.

יז) שבת אָוונט, פעברואַר 3 — אליעזר דאָרין: רעפעראַט וועלן „שלום אַש, מאָדערנער קלאַסיקער"; משה מאַנדלבוים — רעציטאַציעס.

יח) שבת אָוונט, פעברואַר 10 — אַן אריה פּאָזי־אָוונט (לכבוד דער דערשיינונג פון זיין נייעם בוך (אויף ענגליש) וועגן יידישן מיסטיציזם. דער מחבר רעפערירט איבער דער טעמע: „גלויבן אין יידישקייט אין אַ דור פון אומגלויבן." רעציטאַציעס פון אַנאַטאָל ווינאָגראַדאָוו.

יט) שבת אָוונט, פעבר. 11 — קבלת פנים פאַר ב. דעמבלין. יעקב שמואל טויבעס באַגריסט דעם גאַסט און גיט אַן אָפּשאַצונג פון זיינע שאַפונגען.

כ) שבת אָוונט, פעברואַר 24 — האָבן מיר אויפגענומען אַ חשובן גאַסט פון בועַנאָס איירעס: שמואל ראָזשאַנסקי, וועלכער האָט גערעדט וועגן „חלום און ווירקלעכקייט אין אַרגענטינער יידישן לעבן.

כא) שבת אָוונט, מערץ 2 — קבלת פנים פאַר משה שטאַרקמאַן. רעפעראַט — „קידוש השם, וואַנדער און וואונדער, פון קישינעווער פּאָגראָם ביז דעם אויפקום פון מדינת ישראל." אריה פּאָזי באַגריסט דעם גאַסט.

כב) שבת אָוונט, מערץ 9 — אָוונט לכבוד יעקב גלאַטשטיין, צו זיין ווערן אַ בן־שבעים. מלכה טוזמאַן גיט אַן אָפּשאַצונג וועגן יעקב גלאַטשטיינס שאַפן; אליהו טענענהאָלץ לייענט גלאַטשטיינס „ר' נחמן בראַצלאַווערס ניגונים"; אַנדרעי בעלאָו, פידל־קינסטלער; שענאָן געלסין, פּיאַנאָ באַגלייטונג; הערי לאַנג, פאָרזיצער.

כג) שבת אָוונט, מערץ 16 — אַ פּורים אָוונט. חיים אָסטראָווסקי רעפערירט אד"ט: „דער אייביקער פּורים; איוואַ ראָמאַנאָ זינגט אַ ציקל פּורים־לידער; שענאָן געלסין, פּיאַנאָ.

כד) שבת אָוונט, מערץ 23 — אַ י. אַדלער (ב. קאָוונער) אָוונט, לכבוד זיין 94סטן יונג ווערן. הערי לאַנג רעפערירט וועגן י. אַדלער־ב. קאָוונערס שאַפן; יצחק ראָטבלום לייענט פאָר פון קאָוונערס הומאָריסטישע דערציילונגען; איזאַבעל קאַץ — געזאַנג; רעגינאַ ראָטמאַן — פּיאַנאָ באַגלייטונג.

כה) שבת אָוונט, מערץ 30 — אהרן גלאַנץ־לעיעלעס געדענק־אָוונט. פּינטשע בערמאַן רעפערירט וועגן גלאַנץ־לעיעלעס לעבן און שאַפן; הערמאַן גאָלד, טשעליסט; שענאָן געלסין ביי דער פּיאַנאָ.

כו) שבת אָוונט, אַפּריל 6 — פאָרטראָג פון העבריק גרינבערג: „דער אַזוי־גערופענער יידישער טעאַטער אין פוילן"; משה מאַנדלבוים לייענט פאָר.

כז) שבת אָוונט, אַפּריל 13 — אַ פּסח אָוונט אָנגעפירט פון חיים אָסטראָווסקי. בוירניס אַשדאָן, זינגערין; פּערל אָסטראָווסקי, פּאָרלייענערין.

כח) שבת אָוונט, אַפּריל 20 — אַ טעאַטער אָוונט אין אָנדענק פון אַברהם גאָלדפאַדען, צום 69טן יאָרצייט פונעם פאָטער פון יידישן טעאַטער, אַראַנזשירט פון אַנאַטאָל ווינאָגראַדאָוו. סצענעס פון גאָלדפאַדענס שאַפונגען. אַניטאַ פריינד־ליך־שעף אין אַ סצענע „שולמית, אַקאָמפּאַנירט פון סעמועל סאָלאָמאָן; „די צוויי קוני לעמלס", דורכגעפירט פון רחל קליינערט, י. שוואַרץ, און עזרא סטיין; סצענע פון איציק מאַנ־

גערס „האַצמאַך־שפּיל,״ דורכגעפירט פון אַניטאַ פריינדליך־שעף, משה קאָהן און אַנאַטאָל ווינאָגראַדאָוו.

כט) שבת אָוונט, אַפּריל 27 — אַ ספּעציעלער מיטגלידער אָוונט, פאַר מיטגלידער און פריינט לטובת דעם קיום פון קלוב. סעם לעווין, פינאַנציעלער סעקרעטאַר פון קלוב, גיט אָפּ אַ באַריכט וועגן צושטאַנד פון קלוב; שענאָן געלסין שפּילט יידישע ניגונים און פירט אָן געזאַנג בציבור.

ל) שבת אָוונט, דעם 4טן מאַי—זאב וואָלף סאַלעס—רעפעראַט: „אונדזערע אַלטע גייסטיקע אוצרות; פּערל אָסטראָווסקי לייענט פאָר.

לא) שבת אָוונט, מאַי 11 — פייערונג לכבוד דעם 20סטן יום העצמאות פון מדינת ישראל. משה כהן רעפערירט וועגן ישראלס קאַמף און נצחון; בריינדעלע ווײַנשטאָק און שרה שטאַרקמאַן טרעטן אויף אין העברעאישע און יידישע לידער.

לב) שבת אָוונט, מאַי 18 — י. ש. טויבעס רעפערירט וועגן „ערנסט און הומאָר אין יידישן ליד; הערמאַן גאָלד, טשעליסט; שענאָן געלסין, פּיאַנאָ באַלייטונג.

לג) שבת אָוונט, מאַי 25 — אַ געדענקאָוונט נאָך ל. שאַפּיראָ און ש. מילער ע״ה. דר. בערנאַרד כהן, רעדנער; משה מאַנדעלבוים, רעציטאַטאָר.

לד) שבת אָוונט, דעם 1טן יוני — אַ שבועות־אָוונט. חיים אָסטראָווסקי רעפערירט אד״ט: „דער ליכטיקער יום־טוב שבועות״; איזאַבעל קאַץ, זינגערין; רעגינאַ ראָטמאַן, פּיאַנאָ באַגלייטונג.

לה) שבת אָוונט, יוני 8 — אַ געדענקאָוונט נאָך פּרץ הירשביין ע״ה. ישראל גובקין רעפערירט וועגן פּרץ הירשביינס לעבן און שאַפן; מאָטל הורוויץ, רעציטאַטאָר און זינגער.

לו) שבת אָוונט, יוני 15טן — אָפּשלוס פון דעם זמן. אַנדרעי בעלאָו, פידלקינסטלער; שענאָן געלסין, ביי דער פּיאַנאָ; חיים אָסטראָווסקי, פאָרלעזונג; אַריה פאָזי, באַגריסונג.

לז) זונטיק אָוונט, דעם 21טן יולי — יערלעכער מיטזומער צוזאַמענקונפט, וואָס פאַרצייכנט דעם שלוס פון קאַמפּעין. אַ מאָלצייט צוגעגרייט פון אונדזערע חברות פון קלוב; איוואַ רומאַנאָ — געזאַנג; שענאָן געלסין — פּיאַנאָ־באַגלייטונג.

מאיר לעדערמאַן, סעקרעטאַר

*GREETINGS*

FROM FRIENDS OF

**JOE WEINMAN**

ALFRED HART COMPANY
SIMON LEVI COMPANY
MILFORD COMPANY OF CALIF.
TROPICS NORTH APT. MOTEL
LOEB'S POULTRY RANCH

YOU CAN EARN UP TO

**13%**

OR MORE ON CHOICE
1st & 2nd T.D. LOANS

(WITH PRE-PAYMENT BONUS)

Call or write for our informative Brochure "*Double Your Earnings*" without cost or obligation.

DU 6-7383, Ext. 105

**BEVERLY VENETIAN BLIND**

CARPETS - LINOLEUM - DRAPERIES
WINDOW SHADES - VINYL TILES

8338 West Third Street
Tel. OL 3-2880

**UNION MORTGAGE CO.**

*One of the Oldest and Largest in California*

2641 W. Olympic Blvd.
Los Angeles, Calif. 90006



## אַ פאַרדינטער דאַנק

די פאַרוואַלטונג פון ל. אַ. יידישן קולטור־קלוב דריקט אויס אַ האַרציקן דאַנק צו:

### חבר סעם לעווין

— און —

### חבר מאיר לעדערמאַן

פאַר זייער ענערגיע און פלייס אָנצופירן אונדזער יערלעכע קאַמפּאַניע לטובת דעם בודזשעט פון אונדזער קלוב, וואָס זיי האָבן דורכגעפירט מיט גרויס דערפאָלג.

די יערלעכע שטייערן, וואָס דער קלוב קריגט פון זיינע מיטגלידער, דעקט ניט מער ווי אַרום פערציק פּראָצענט פון די הוצאות. די איבעריקע געלטער קריגן מיר פון די צוגאָב־ביישטייערונגען פון מיטגלידער און פריינד פון קלוב.

גלייכצייטיק דריקן מיר אויס אַ האַרציקן דאַנק צו אַלע אונדזערע חברים און פריינד, וואָס האָבן זיך אַזוי וואַרעם אָפּגערופן מיט זייערע ביישטייערונגען און מיט טעטיקייט לטובת אונדזער קלוב, וואָס טרעט איצט אַריין אין 43סטן יאָר פון זיין קיום און האָט אין משך פון די אַלע יאָרן פיל משפּיע געווען אויפצוריכטן יידישע קולטור טעטיקייט אין לאָס אַנגעלעס און איז דורך דעם מפורסם איבערן גאַנצן לאַנד.

## ביישטייערונגען

$180.00

פון פריינט, אין כבוד פון
חבר און חברה מאָריס און שרה ווינאַרסקי
צו זייער גאָלדענע חתונה.

$150.00

חברה ראָוז אייבראַמסאָן

$125.00

חבר און חברה שלמה און ציליע צוקערמאַן

$120.00

חבר און חברה מאָריס און שרה ווינאַרסקי

$100.00

חבר און חברה יוסף און דזשעני ווײַנמאַן
חבר און חברה אַלעק און בעטי קאַרסאָן
חברה מוסי פרידלאַנד
אין אָנדענק פון איר מאַן יצחק ע״ה
חבר און חברה מאָריס און מאַניע פאַרבער

$80.00

חבר און חברה חיים און שרה בתיה דאַרנאָוו

$75.00

חברה גאָסי אייעראָף
קלוב ביישטערונג — — $40.00
ביישטערונג לכבוד חבר און חברה צוקערמאַן — — — $25.00
צוזאַמען — — — — — $75.00

$60.00

חבר און חברה שמואל און ליובע בריינין
חבר און חברה סעם און דאָרע לעווין
חבר און חברה יוסף און מערי ליוואַק
חבר און חברה בען און אסתר סאָלאָמאָן

$50.00

חבר און חברה תנחום און טילי ברייס
חבר ס. דראָנזעק
חבר און חברה אייב ראָטבלאַט
2410 גאטרי קאָורט
חבר טשאַרלי צוקערמאַן
חבר י. פרידמאַן

$40.00

חברה פעני לעווין
דאָקטאָר בענדזשאַמין קאַרפּמאַן
אין אָנדענק פון זיינע עלטערן ע״ה

$35.00

חבר און חברה מאיר און מעי לעדערמאַן

$30.00

חבר און חברה יעקב מיראַנסקי

$25.00

חברה ראָוז באַלאָט
חבר און חברה אייב און מיני שוואַרץ
חבר און חברה מאָריס און רחל דייטש
חברה חייקע בענק
חבר און חברה דוד ווינער
חבר און חברה י. ערלין
חברה חנה לערנער, אין אָנדענג פון איר
מאַן פייוול ע"ה
חברה ראָוז זעלמאַן, אין אָנדענק פון איר
מאַן ע"ה
חבר און חברה מאָריס נעדילמאַן
חבר און חברה הערי און סאָפיע
שטערנפעלד
חבר און חברה דוד שעראַגא
חבר און חברה הערי פערלאָוו
חבר הערי גאָלד
חבר און חברה ישראל פריינד
פרץ הירשביין צווייג
חבר און חברה שמחה און יעטאַ גרעי
חברה מלכה רויזענבלאָט
חבר און חברה דוד און מאַלי מאַרסעל
חבר און חברה משה און בלומע שטיינבערג
דאָקטאָר סימאָר וויק, אין כבוד פון זיינע
עלטערן מאָריס און שרה ווינאַרסקי
חבר און חברה סאָל שפיגעלמאַן
חברה לאה באַרנעס
חבר און חברה סעם און שאַרלאָט שאַרף
חבר און חברה רפאל און גאָסי ראָזנשטיין

$20.00

חבר און חברה יונה בערקאָוויטש
חבר און חברה מאָריס גאַלאַנטי
חבר סעם שפיגעלמאַן

$18.00

חבר און חברה סאָל אָדעס

$15.00

חבר משה קאַפּלאַן
חברה ל. טובערט
אין אָנדענק פון איר מאַן ע"ה
חבר און חברה ראָבערט און פערל טעמפער
חבר און חברה בען און מיני סאַפּקין
חבר היימאַן אייבראַמס
חבר ווילי שאָר
חברה סעידי פינקעלשטיין
חברה ענע פעלדמאַן, אין אָנדענק פון איר
ליבן מאַן דוד פעלדמאַן ע"ה
חבר און חברה דזשעק קאָהן
חבר אַלעק דיקטאָר

$10.00

הענעך און דאָרע גאָלדשטיין
חבר און חברה מאָריס און חייקע ווינער
חבר און חברה ז. בונין
חבר נתן אזאָלין
חבר און חברה פיליפ בראָודי
חברה אסתר קוויטקאָ
חברה גאָסי סאַרטאָ
חברה פּאָגאָרעלסקי
חברה מערי סטיין
חברה דאָראָ ריוולין
חבר און חברה אַלתר און עטעל סערבער
חבר און חברה פּאָול האָראָקער
ה. רויזענבלאַט פאַרבאַנד צווייג
חבר און חברה יצחק און חיה ניומאַן
חבר און חברה אברהם שניידער
חבר מ. וויינמאַן
חבר און חברה האָלענד
חבר נתן קאָהן
חברה שושנה ראָוז שאַפּיראָ
חבר ראַבינאָוויץ
חברה ראָוז קאַרנאָווסקי

$9.00

חבר מאיר גרינפעלד



$5.00

חבר און חברה ווילקענס
חבר יעקבריינער
חבר פּאָלאָטניק
חברה לאָראַ רעסלער
חבר און חברה ה. ל. מילער
חברה באַביטש
חבר און חברה יעקב שמואל טויבעס
חבר און חברה יוסף טילעס
חבר און חברה מאָריס זילבערט
חברה סערא טאָקער
חברה אַנאַ קאמינקער
אין אָנדענק פון איר מאַן אַלעקס
חברה סימע וועסלי
ג. בעקער
חבר און חברה סעם רובין

*Greetings from the*

**ISRAEL HISTADRUTH CAMPAIGN**

OF LOS ANGELES

| | |
|---|---|
| JULIUS FLIGELMAN<br>*President* | JOHN I. MARDER<br>*Chairman* |
| JACK KAHAN<br>*Chairman* | REBECCA GOLDBERG<br>*Secretary* |

*Administrative Board*

BERNARD B. JACOBSON

*Executive Director, West Coast Region*

More Jewish Families Select

**GROMAN MORTUARIES**

HARRY GROMAN, *President*

TWO LOCATIONS

| | |
|---|---|
| 830 W. WASHINGTON BLVD. | 11500 SEPULVEDA BLVD. |
| RI 8-2201 | TR 7-0335 |
| LOS ANGELES | SAN FERNANDO VALLEY |

One phone call for all your needs • Services in all cemeteries

## FINANCIAL STATEMENT OF THE L. A. YIDDISH CULTURE CLUB FOR THE YEAR 1967-1968

### INCOME

### FROM AUGUST 1st, 1967, TO JULY 31st, 1968

| | |
|---|---|
| Balance from last year | $ 986.12 |
| Dues | 2176.00 |
| Rent | 1121.00 |
| Admission at door | 779.37 |
| New Year's Dinner | 453.25 |
| Miscellaneous | 111.70 |
| Received from 1966 Fund Raising | 2336.64 |
| Received from Savings 1967 | 2000.00 |
| TOTAL INCOME | $9964.08 |

### DISBURSEMENTS

### FROM AUGUST 1st, 1967, TO JULY 31st, 1968

| | |
|---|---|
| Wages | $2186.88 |
| Telents | 1410.00 |
| Stamps and Printing | 765.37 |
| 'HESHBON" | 894.30 |
| Book Binding | 121.20 |
| Tax, Builling | 835.82 |
| Internal Revenue and State Taxes | 604.80 |
| Department of Employment | 93.40 |
| Radio Alvertising | 75.00 |
| Telephone | 88.34 |
| Gas, Water and Power | 444.48 |
| Gardener | 124.50 |
| Books and Newspapers | 89.00 |
| Advertising | 198.80 |
| Donations | 207.50 |
| Food | 743.59 |
| | $8908.48 |
| Miscellaneous | 466.19 |
| **TOTAL** | **$9374.67** |
| **Balance at Check No. 500** | **589.41** |
| **GRAND TOTAL** | **$9964.08** |